STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03499

UNZERE HEYMLOZE BRIDER REYDN TSU UNDZ

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייל̈אַנד · בראָשורן · ביבליאָטעק

נומער 5 — 6

★

אונזערע היימלאָזע ברידער ריידן צו אונדז

ניו־יאָרק, 1949

פריילאַנד - ליגע

אַן אַריינפיר - וואָרט

אין דער „צוקונפט" (פון פעברואר, 1948), האָט ח'ש. גוטמאַן איבערגעגעבן די געשיכטע פון סורינאַם־קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט, און אויף א רואיק־זאכלעכן אופן האָט ער באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פאַר א פרייען יידישן קאָלאָניזאציע צענטער־מחוץ ארץ־ישראל.

אין דעם זעלביקן נומער „צוקונפט" האָט הלל ראָגאָף גלייך ארויסגעטראָגן זיין פּסק־דין אַז עס קען נישט און וועט נישט פארוויר־קלעכט ווערן דער סורינאַם־פּראָיעקט. פארוואָס? ווייל עס וועט נישט זיין קיין געלט און נישט קיין מענטשן. פארשטייט זיך אַז עס האָט נישט קיין זין צו פּאָלעמיזירן מיט דעם ציוניסטישן „מיטלויפער", ביי וועמען דער וואונטש איז דער פאָטער פון געדאַנק. ווי מערסטע מיטלויפער אויפן ציוניסטישן וואָגן, אָנערקענט דער הער ראָגאָף בלויז „פאַקטן" ד. ה. דאָס וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן דורך טרער־רן, בלוט און ריזיקע ווילנס־אָנשטרענגונגען מצד קליינע גרופּעס אידע־אַליסטן. די דאָזיקע „רעאַליסטן" פון ראָגאָפס־שאָנים אנערקענען אַלע מאָל די רעוואָלוציע, אויפן מאָרגן... נאָך דער רעוואָלוציע. אזא קורצ־זיכטיקער צוגאַנג צו גרויסע היסטאָרישע דערשיינונגען וואונדערט אונדז נישט.

וואָס אונדז פאַרדריסט יאָ, איז: וואָס א רעדאַקטאָר און כלל־טוער ביי יידן האָט זיך, איידער ער האָט אַרויסגעטראָגן זיין אַבסאָלוטן וואָר־דיקט בנוגע דעם וואָס ס'איז גוט פאַר אונדזערע היימלאָזע ברידער, ניט גענומען די מי אַפילו אויסצופאָרשן וואָס עס טראַכטן די אָביעק־טן פון זיין „זאָרג". און געמיינט האָבן מיר, אַז מיר זענען שוין ווייט

אוועק פון יענע צייטן ווען דער גוטער קייסער האָט געוווסט וואָס ס'איז גוט פאַר זיינע אונטערטאַנען...!

אָבער אונדזערע פּריילאַנדיסטן אין איראָפּע זיינען פון ראָגאָפּס מיינונג ניט נתפעל געוואָרן און צענדליקער בריוו האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון די די־פּי־לאַגערן, פון רומעניע און פּוילן. בלויז אַ קליינעם טייל פון די דאָזיקע בריוו דרוקן מיר דאָ איבער. לאָמיר זיך גוט צוהערן צו די שטימען פון אונדזערע ברידער. דורך זיי הערט זיך דאָס אויטענטישע קול פון איראָפּייאישן ייד, וואָס האָט אויף זיין לייב איבערגעטראָגן אַלע פּרעניותן פון גרויסן חורבן דער לעצטער וועלט־קאַטאַסטראָפע.

אַן אייראָפּייאישער ייד וועגן היימלאָזיקייט

יאַס, דעם 10טן מערץ, 1948

זייער חשובער פריינד הלל ראָגאָף!

איך קום אייך בעטן מכנים אורח צו זיין אין דער „צוקונפט" מיינע שורות, וואָס פּרואוון זיין אַן ענטפער אויף אייער אַרטיקל דער־שינען אין „צוקונפט" פון חודש פעברואַר ד. י. „אַ מיינונג פון אַ קעג־נער פון דעם סורינאַם־פּראָיעקט".

איר רירט דאָרט אָן ענינים וואָס זיינען מיר נוגע בלב. אייגנט־לעך זיינען מיר דאָך, איך און מייניקע, דער שטאָף פון אייער אַרטיקל און דאָס גיט מיר די סמיכה מתקן צו זיין אַ ריי פון אייערע אויס־גאַנגס־פּונקטן און באַהויפּטונגען. נאָר ראשית כל זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן אַ וואָרט וועגן אייך, אונדזערע ברידער פון אַמעריקע.

איר פאָדערט אויף די אַמעריקאַנער פריילאַנד־מענטשן אַרויפצו־לייגן „די האַנט אויפן האַרצן און זאָגן, צי זיי וואָלטן אַהין אליין גע־פאָרן און צי זיי וואָלטן געלאָזט אַהין פאָרן זייערע קינדער אָדער ברי־דער." איך ווייס ניט וואָס פאַר אַן ענטפער איר וועט פון זיי באַקומען, נאָר איך ווייס אַז אויף דעם „קח נא את בנך" איז ניט אין אייער טראַדיציע צו ענטפערן מיט יאָ. אויב, אַלס שותפים אין דעם ארץ ישראל ישוב, וואָלטן מיר די פאַרשיידענע שבטים, פונם וועלט־יידנטום, געפּרוווט אויסזוכן יעדערער זיין חלק וואָס ער האָט בייגע־טראָגן צום ארץ־ישראל־אויפבוי, וואָלטן מיר, די מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן זיך געקענט לאָזן פירן פון די שטראָמען בלוט און שווייס פון אונדזערע „קינדער אָדער ברידער" און די שטראָמען וועלן מורמלען: דערקענט אונדז אויף אַלע וועגן פון בנין! בעת

איר וואָלט זיך געקאָנט לאָזן מדריך זיין בלויז פונעם קלאַנג פון גאָלד.

ס'איז ניט דערפאַר ווייל מיר זאָלן זיין בעסערע פון אייך. חס וחלילה! בלויז אונדזערע שכנים זיינען ערגערע,גרויזאַם ער־גערע פון אייערע. צוליב זייערע פאָטערס און זיידעס האָבן אייערע עלטערן פאַרלאָזט זייערע היימען, און די ימים יידיש בלוט האָבן בלויז בולטער געמאַכט אויף זייערע שטערנס דעם קין־צייכן פאַר וועלכן אייערע עלטערן האָבן זיך בשעתם געשראָקן. און אויב אפילו די אַמעריקאַנער פריילאַנד־מענטשן וואָלטן ממשיך געווען די טראַ־דיציע פון זייער שבט, וועט דאָס מיט גאָרנישט פעלן פאַר אונדז דעם פריילאַנד־אויסוועג. פאַר אונדז איז דאָס לעבן וואָס מיר פירן דאָ אַ קרבן בעת דאָס פאָרן וואַקסט אויס צו אַ פּריווילעגיע.

און אַצינד וועגן „די יידן וואָס וואוינען אין אַ לאַנד וואו זיי קענען עקזיסטירן". דאָס איז זייער אבסטראַקט געזאָגט. קאָנקרעט הויבן זיך אָן די דאָזיקע אויסטערלישע לענדער ערגעץ העט, העט, אויף יענער זייט פון דעם תחום אויף וועלכע עס וואַלגערן זיך אום דער מיליאָן יידן אויף וועמען ס'איז חל די היימלאָזיקייט — כלפי חוץ און כלפי פנים.

איך וואַרף ניט אָפּ די השערה, אז פון דער ווייטנס, וועגן מענטשן וועלכע האָבן בלויז זייער נאַטירלעכן יידישן און מענטשלעכן כוח הדמיון כדי זיך פאָרצושטעלן, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט, קען אונדזער געפיל פון ניט־זיכערקייט אויסזען גרונטלאָז. אָבער אין אונדז איז ער ביז גאָר וואַך. איך בין געגאַנגען מיט די הענט אַרויף איבער יאַסער גאַסן. איבער פופצן טויזנט יידן זיינען דעמאָלט אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן. דאָס איז געשען זונטיק דעם 29־טן יוני 1941 אגב, דער ערשטער מאַסן־פּאָגראָם אין אַזאַ מאַס־שטאַב פון גאַנץ אייראָפּע. פּרוּווט, חשובער פריינד ראָגאָף, צו פאַר־שטיין מיין ניט זיכערקייט אויף די אייגענע גאַסן אין מיטן פון יענע וועלכע האָבן זיך אַזוי אכזריותדיק און בלוטיק געפירט מיט מיר און מיט מיינע אומבאַהאָלפענע ברידער.

מיר, די אייראָפּעישע יידן, טראָגן אַלע אויסערלעכע ענדערונגען,

גלויבן ניט אַז די רוצחים פון נעכטן האָבן פּלוצים געהאַט קפיצת־הדרך אויפן וועג פון מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט אויף וועלכן די בעסטע זין פון דער מענטשהייט דראַפּן זיך זייט דורות און דורות אַזוי אומבאַהאָלפן און בלי גוזמאָ, עס שפּרודלט ממש אַרום אונדז מיט רשעות וואָס באַגרינדן און באַפעסטיקן די ספיקות.

מיר פאַרמאָגן אַלע קוואַליפיקאַציעס פון הימלאָזיקייט. דער לאַגער איז בלויז דער אויסערלעכער סימן מובהק כדי נתגלה צו ווערן אַלס אַזעלכע אויפן האָריזאָנט פון אייער זאָרג. דאָס בייט אָבער מיט גאָרנישט אונדזער אויסגעוואָרצלטקייט. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן אַז דער גרעסטער טייל פון „די־פּי"־יידן וואָס לעבט היינט־צו־טאָג אין די לאַגערן, באַשטייט דאָך ניט פון די מאַרטירער וואָס זיינען אויסגעשטאַנען היטלערס לאַגער־גהינום, נאָר דווקא פון יענע יידן וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען במשך די לעצטע צוויי יאָר און האָבן ביי זיך שלום געמאַכט אויסצושטיין דאָס נע ונד לעבן בכדי זיך צו דערשלאָגן צו אַ זיכערן ברעג וואו זיי זאָלן קענען אויפסניי אויפבויען זייער לעבן.

וואָס נוגע אייער באַהויפּטונג אַז „אַ גאָר גרויסער פּראָצענט פון די „די פּי"־יידן" האָט ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט ניט צו פאָרן אין קיין אַנדער לאַנד ווי אין ארץ־ישראל", אויף דעם קענען מיר זיך איינער דעם אַנדערן זאָגן מיט דער אייגענער איינגעשפּאַרטקייט די זעלבע פיר ווערטער: איר וועט דאָך זען! למשל, איך מיין אַז ווען די ערשטע טויזנט יידן וועלן האָבן שוין אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אין סורינאַם, וועלן זיך די רעדאַקציעס אין ניו־יאָרק ערנסט פאַרטראַכטן איידער זיי וועלן צוטרעטן עפּעס צו שרייבן קעגן דעם. און צענדליקער טויזנטער הימלאָזע פון די כל המיני ניואַנסן וועלן אַהין ווענדן זייער בליק און זייער האָפענונג.

אָט אַ שטיקל ראיה לדבר. ביי אונדז אין רומעניע האָבן נאָך אין 1946 אַן ערך 10,000 יידן געחתמעט אַ פּעטיציע אין וועלכער זיי דריקן אויס זייער ווילן צו פאָרן אויף פּיאָנערן אַרבעט אין אַ פרייל אַנד. נעמט נאָך אין אַכט, אַז אַזאַ גרויסע צאָל האָט זיך געפונען בלויז אין אַ פּאָר שטעט. דער אָריגינאַל פון די ליסטעס איז ביי־

געלעגט געוואָרן ווי „אַ דאָקומענט פון יידישער ווירקלעכקייט״ ביי דער רומענישער סעקציע פונעם „יידישן וועלט־קאָנגרעס״. זייערע קאָפּיעס געפינען זיך אין פריילאַנד־ביוראָ אין ניו יאָרק. דער פאָר־זיצער פונעם „יידישן וועלט קאָנגרעס״ אין רומעניע, דער באַקאַנטער ציוניסטישער מנהיג א. ל. זיסו, האָט אונדז בשעתו געשריבן אַז, באַטש ער פאַרשטייט די גוטע כוונות, רעכנט ער אונדזער איניציאַ־טיוו פאַר אַ געפערלעכע. ד. ה., אַז אויך ער האָט געהאַלטן, אַז ווען מיר גייען אָן ווייטער מיט אונדזער קאַמפּיין, וואָלטן נאָך צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יידן געוועזן געחתמעט דעם דאָזיקן „דאָקומענט פון יידישער ווירקלעכקייט״. אויך אין שייכות מיט דעם אייגענעם ענין וועל איך נאָך דערמאָנען אַ ידיעה, וואָס רעדט פון זיך אַליין. די רומענישע פאָלקס־צייטונג פון גרויסן טיראַזש „פּאַפּטאַ״ (אַק־ציע) וועלכע האָט פאַרעפנטלעכט אין המשכים דריי גרויסע רעפּאָר־טאַזשן וועגן דעם סורינאַם־פּראָיעקט, שרייבט אין איר נומער פונעם 10טן אויגוסט 1947, אַז די רעדאַקציע אין ממש אַסאַלטירט געוואָרן פון הונדערטער יידן וואָס זיינען געקומען בעטן נייע פּרטים אין שייכות מיטן פריילאַנד־אָפּמאַך און אַז זי האָט אויך באַקומען הונדערטער בריוו פון אַלע עקן לאַנד, בריוו וואו יידן בעטן מען זאָל זיי האַלטן אין קורס מיט דער פריילאַנד־אַרבעט אַרום סורינאַם.

חוץ אַט־די דאָזיקע שטימען פון טויזנטער אַנדערע יידן הערט זיך אויך צו ווי אַזוי עס קלינגט דאָס קול פון אַ פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ אין רומעניע : „איך דריק אויס מיין האָפענונג אַז דער סורינאַם־פּראָיעקט וועט ווערן אַ יש און וועט אָנפילן מיט אַ זין אויך די אַרבעט פונעם יידישן שרייבער וועלכער לעבט אַ צעבראָכענער מיט אומקום פאַר די אויגן.״ מיט די ווערטער האָט דער פאָרזיצער פונעם יידשן שרייבער פאַרבאַנד אין רומעניע דער דיכטער יעקב גראָפּער, געשלאָסן די זיצונג פונעם פאַרבאַנד, דעם 22טן יולי, 1947, וועלכע איז געוועזן געווידמעט דער דיסקוסיע אַרום דעם פריילאַנד אָפּמאַך.

אין ליכט פון די געבראַכטע ידיעות, דאַרף איינע פון אייערע צוויי „פּשוטע סיבות : עס וועט פאַר דעם דאָזיקן פּראָיעקט ניט

זיין קיין געלט און ניט קיין מענטשן" אוועקפאלן. ווי איר זעט, מענטשן זיינען דא. ניט „פריילאנד" האט זיי צונויפגערופן און ניט קיין קעגן־ארטיקלען קענען זיי פונאנדערטרייבן. זיי זיינען אויסגעקליבן געווארן פאר דעם צוועק דורך דער יידישער געשיכטע.

איר שרייבט: „די היימלאזע יידן וואס האבן דורכגעמאכט דעם שרעקלעכן גיהנום פון די היטלער־יארן פארדינען ניט אז מיר זאלן זיי איצט פארשיקן אין א ווילד לאנד, צו טאן שווערע ארבעט פון פיאנערן און פירן א שווער לעבן פון פיאנערן". אבער זיך מאטערן אין די לאגערן היינט־צו־טאג, ווי צוריק מיט א יאר, מיט צוויי און מיט דריי, דאס פארדינען זיי דען יא? און גלויבט איר ניט אז דאס לעבן פון קצבה און בעטל־ברויט אויף דער פארסמטער דייטשישער ערד מיט אירע הויך־ציוויליזירטע איינוואוינער קען זיין פיינלעכער ווי דאס פיאנערן־לעבן ?

בכלל חשובער פריינד ראגאף, איז אן ארגומענט פון דעם מין, געפערלעך. ווייל פירן דאס שווערע פיאנערן לעבן אין נגב און אויסשטיין די אראבישע שנאה און אנגריפי גלויבט איר אז זיי האבן פארדינט אזא מין לעבן? אז די דאזיקע צעפייניקטע מענטשן, וועלן, ביים בעסטן ווילן דאס יא קענען אויסהאלטן? און דאך וואלט אייך אוודאי דאס געוויסען ניט געפייניקט ווען ס'וואלט געווען אין אייער כוח אויפצוהויבן די דאזיקע מענטשן און שפאלטנדיק דעם ים פון שנאה און ווידערשטאנד זיי פירן דווקא נאר אין נגב, און איר וואלט אוודאי פארדינט אן ערשט קלאסיקן יישר כוח פאר אייער אויפטו... ווייל מיר מוזן זען די לאגע אין א ווייניקער אויסזיכטלאזער ליכט ווי זי קומט ארויס פון אייער ארטיקל. די קרבנות פון די היטלער־נהינומס וועלן דאך ניט קענען זיין אייביק אויף קעסט ביי די אמעריקאנער יידן און ס'איז דער חוב פון יעדן ייד, אפילו פון דעם וואס פילט ניט דעם טעם פון מתנת בשר ודם, צו העלפן אז אלע מענטשן זאלן זיך איינארדענען אין די ראמען פון א לעבן וואס זאל זיין נערעכנט, אין ערשטער רייע טאקע פון זיי גופא, אלס א ויכערס. ארגומענטען וואס אפילו בהיסח הדעת באפעסטיקן די אומנארמאלקייט אויך אויף להבאי זיינען ניט קיין טובה.

געלד פאַר דעם פּראָיעקט דאַרפט איר געבן, איר גיט אויס אין אייראָפּע שווערע מיליאָנען דאָלער בלויז אויפצוהאַלטן דעם סטאַטוס קוואָ. און דערפאַר גלויבט זיך אונדז אַז ס׳וואָלט געווען כדאי צו אינ־ וועסטירן אַ מיליאָן דאָלער אויף צו קאָלאָניזירן די ערשטע טויזנט יידן אין סורינאַם. געבנדיק דערמיט אויך דעם טעריטאָריאַליזם די מעגלעכקייט צוצוטרעטן מן הכוח אל הפועל.

אָנהויבנדיק פון די לעצטע 60—70 יאָר, האָבן אַ שפע באַווע־ גונגען זיך באַוויזן אויפן גאולה־האָריזאָנט. דאָס רוב פון זיי ליגט זיך שוין זייט לאַנג אין דעם מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע. בלויז איינע פון זיי איז ניט פאַרווירקלעכט, נאָר געפינט זיך נאָך אַלץ אין סאַמע קנאַספּ און דער נעאָטעריטאָריאַליזם איז אַ באַוויז אַז טאָקע אַזוי גרינג וואַרפט מען ניט קיין קנאָספּן אין דעם מיסטקאַסטן ווי עס האָבן זיך פאַרמאָסטן כל המיני תקיפים. פּינסקער און הערצל, ישראל זאַנגוויל און חיים זשיטלאָווסקי, דער קדוש יוסף משערניכאָוו און בן־אדיר האָבן געגלויבט אין דעם דאָ־ זיקן קנאָספּ, אין זיין עפענען און אין זיין פונאַנדערבליי. דאָס דער־ מאָנענדיק נאָר יענע וואָס געפינען זיך שוין ניט צווישן אונדז. ביז גאָר גרויזאַם וואָלט געווען, ווען בלויז דער קרויט אויף די פעלדער פון טרעבלינקע, און מאַידאַנעק, בלויז ער זאָל זיך גע־ ווען בעסער צעוואַקסן פון אָט דעם פעטס. אינאיינעם מיט אַלץ וואָס איז לעבעדיק און געזונט ביי אונדזער פאָלק, ציט אויך דער טע־ ריטאָריאַליזם זיין יניקה פון אָט־דעם בלוט. און דער באָדן פון יידישער ווירקלעכקייט איז אַצינד גינסטיק פאַר דעם קנאָספּ.

אָט זיינען מיר, די וואָס ווילן אהין פאָרן׳ דאָרט בויען, און לעבן אַלס פרייע יידן. איר דאַרפט אונדז בלויז געבן אַ נישטיקן ביסל געלט, וויניקער וויפיל ס׳גייט ביי אייך אַוועק, אַ וואָך, אויף קינאָ. און ס׳איז אייער חוב אונדז ניט צו קאַרגן דאָס ביסל געלט. אפילו ווען איר האַלט אַז דאָס קען זיין אַן „אינוועסטירונג" וואָס האָט „אַ סך מער שאַנסן צו פאַרלירן ווי צו געווינען".

איר, דער אַמעריקאַנער שבט, זייט דער גרויסער מיטאָס פון וועלכן די אייראָפּעאישע יידן דערוואַרטן אַלע ניסים. אין די טעג

פון אומקום, האָבן מיר געגלויבט אַז ערגעץ זיינט איר פאַראַן און ליגט איין וועלטן אונדז צו ראַטעווען. נאָך דער באַפרייאונג, האָבן מיר אַלע געפילט אייער ברידערלעכע זאָרג און וואַרעמקייט. און דאָס איז אייך מחייב אויך אויף ווייטער.

דאָס קען ניט זיין אין סתירה מיט דער פראָ־ארץ־ישראל אַר־בעט. אויב אונדזער פּראָיעקט וועט זיך פונאַנדערפאַלן וועט דאָך ארץ־ישראל אוודאי גאָרניט אָנווערן, און אויב ער וועט יאָ מצליח זיין, דאַרף מען דווקא ניט זיין אַ צו ווייט זעעוודיקער בכדי תופס צו זיין מיט וויפיל אַ״י וועט דורך דעם זיין געשטאַרקט. ארץ ישראל וועט אַלעמאָל זיין שטאַרק און געזונט מיט דער שטאַרקייט און געזונטקייט פון יעדן יידישן ישוב פון דער גאָרער וועלט.

איך קען זיך ניט דערטראַכטן צוליב וואָס איר האָט אַזוי אַק־גיאַנירט — ס׳איז דאָך אַן אַלטער כלל אַז דענקען עפנטלעך הייסט אַקציאָנירן. אויב באַאיינפלוסט פון אייער אַרטיקל וועט אַ האַנט וואָס וויל העלפן אָפּגעשוואַכט ווערן, קענען מיר, די יידישע היימלאָזע פון אייראָפּע, אויף וועמען איר פאַררופט זיך אין אייער אַרטיקל ניט זאָגן: אייער האַנט זאָל געבענטשט זיין!

ליגט אָן אייער אויער, חשובער פריינד הלל ראָגאָף, איר, וועלכער לעבט פון דער עלטער פון 17 יאָר אין דער פרייער און זיכערער אַמעריקע, און נעמט אויף דאָס קול פון אַ היימלאָזן ייד.

מיר, וואָס פאַרבינדן אונדזער לעבן, הן דאָס פיזישע, הן דאָס גייסטיקע מיטן אויפריכטן פון אַ יידישער היים אין די ראַמען פון דער פריילאַנד־שטרעבונג, מיר קומען אייך בעטן, אַז, אויב איר געפינט ניט אין אייך די כוחות און דעם ווילן אונדז צו העלפן, זייט זשע אויף אונדז כאָטש מנדב אייער גלייכגילטיקייט.

מיט דרך ארץ,

אליעזר פרענקל.

טויזנטער האָבן זייער גורל פאַרבונדן מיט סורינאַם!

ווין, דעם 3־טן מערץ, 1948

גראָד היינט איז אונדז אויסגעקומען צו לייענען דעם לעצטן נומער „צוקונפט", דעם ארטיקל „מיינונגען פון א קעגנער פון סור־רינאם־פראָיעקט" בתוכם.

ווילט זיך מיר טאַקע תיכף ומיד מאַכן עטלעכע באַמערקונגען צו דעם דערמאָנטן ארטיקל מאַכן. האָט נישט קיין פאַריבל דערפאַר.

פריינט ראַגאַף דערוויזט, אַז „עס קען נישט זיין". פאַרוואָס? ווייל ס'זיינען נישטאָ נישט דאָס געלט און נישט די מענטשן, וואָס זאָלן גרייט זיין אהין צו פאָרן.

וועגן ערשטן פונקט האָב איך נישט וואָס צו זאָגן. דאָס איז נישט געווענדט אָן אונדז, נאָר אָן דער נאַציאָנאַלער וויכטיקייט, פאָליטישער צייטיקייט און דער גרייטשאַפט פונעם אַמעריקאַנער יידן אונדז בייצושטיין.

אָבער וואָס איז נוגע „מענטשן", נעם איך מיר דאָס רעכט דעם ה' ראַגאַף אקעגנצושרייבן, דערפאַר ווייל איך האָב מיטן אָביעקט פונעם דאָזיקן וויכוח א נעענטערן, א לעבעדיקן קאָנטאַקט (נישט קיין פאַפירענעם...) האָבנדיק אויך דעם כבוד מיך צו רעכענען צו די, וואָס ווילן „אהין" פאָרן.

קודם טויג דער חשבון שוין נישט, דערפאַר וואָס דאָס איז נישט קיין חשבון! ער איז זיך נישט סומך אויף אָביעקטיווע סטאַטיסטי־

שע דאטן, נאָר אויף אָפּשאַצונגען פון יחידים (זשורנאַליסטן אדג"ל).
דער גרעסטער חסרון איז אָבער דער, וואָס דער „חשבון" סימפּליפיצירט „מיט א לייכטער האַנט" דעם פּראָבלעם פון יידישער פאַרוואָגלטקייט. די צאָל פון די, וואָס ווילן נישט אהין און ס'ציט זיי, צוליב פאַרשיידענע טעמים, נישט אהער איז א גענוג גרויסע. אָבער צו דעם „נישט וועלן" קומט נאָך צו א סך א טראַגישערער נישט קענען זיך דערוואַרטן אויף דער גאולה...

מיט דעם פּראָבלעם פון יידישן די. פּי. איז נאָך נישט אויסגעשעפּט דער ים פון יידישע צרות... פּ' ראַגאָף האָט אין איילעניש, ווייזט אוים, פאַרגעסן, אז א חוץ די די. פּי.'ס אין עסטרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע זיינען נאָך פאַראַן עטלעכע קאַטעגאָריעס יידן וואָס דאַרפן לכל־הפּחות אזוי גענייטיק אַוועקפאָרן: דאָס זיינען ראַשית כל די יידן פון פּוילן, אונגאַרן, ובפרט פון די צוויי לעצטע קאַטעגאָריעס.

איך גופא בין אויך דאָ נישט לאַנג פון רומעניע אַנטלאָפן. אַלע פּיער ווינער לאַגערס זיינען פול מיט רומענישע און אונגאַרישע פּליטים. איך שרייב מיך איבער מיט נאָענטע און חברים אין רומעניע. איין קול: „ווי אזוי טראָגט מען זיך אָפּ פון דאַנעט? וואוהין

פאָרט מען? געוואַלט!"

בלויז א קליין הייפעלע יידן וואָס האָבן פאַרכאַפּט הויכע שטעלעס אין דער פּאָליציי אַדמיניסטראַציע און אין פּאָליטישע־געזעלשאַפטלעכן לעבן זיינען לעת עתה קאַנדידאַטן אויף צו בלייבן. לעת־עתה! 300,000 מוזן אָבער באַלד אוועק, תיכף, טאַקע שוין! וואוהין, אין וועלכן „ציוויליזירטן" לאַנד וועט איר די יידן שיקן? עפּנט, זייט מוחל, די מאַפּע און זוכט אָפּ דאָס לאַנד, וואָס איז גרייט יידן אויפצונעמען. באַווייזט איר אזא וואונדער מדינה אויסצוגעפינען, קומט אייך א יישר־כוח! כ'האָב אָבער מורא אז ס'וועט זיך אייך נישט איינגעבן...

די נויט פון די דאָזיקע יידן קען זיך א דרויסן־שטייענדיקער שווער אויסמאָלן! אין דער יידישער פּרעסע פון אַמעריקע שרייבט מען נאָך צומאָל וועגן שווערן מצב פונעם יידישן די. פּי., אָבער וועגן

די רומענישע יידן האָב איך נאָך כמעט ווי גאָרנישט געטראָפן. קיין שליחים, קיין זשורנאַליסטן קומען צו זיי נישט צו, זייער פאַרצווייפל־טער רוף נאָך הילף ווערט בטל־בששים אינעם געטומל פון אינטער־נאַציאָנאַלע געשעענישן.

מאָלט אייך, איז דאָך נישט גערעכט נאָר צו רעדן און נישט צו באַווייזן קיין פּראַקטישע מעשים אויף צו העלפן, בפרט נאָך אין גאַנצן פאַרשווייגן!

צי איז דערלאָזלעך היינט, ווען יעדער דריטער ייד איז אוועק פון צווישן אונדז, ווען די גרעסטע און לעבעדיקסטע יידישע צענטערן זיינען צעשטערט, צו האָבן אַזאַ אויבנאויפיקע און אומאַחריותדיקן צוגאַנג צו די אָנגעווייטיקטע יידישע פּראָבלעמען? הייגט — נאָך אַלץ?

צי זיינען יידן, וואָס האָבן זיך תמיד קונה שם געווען מיט זייער חכמה, מיט זייערע „יידישע קעפּ אין דער אמתן אַזוי אומפּעאיק עפּעס צו לערנען פון דער פאַקטנדיקייט?

אַז אָך און ווי וואָלט צו אונדז געווען, אויב דאָס גאַנצע פאָלק זאָל האָבן אַזאַ צוגאַנג! אַ נייער מבול פון אומגליקן גרייט זיך דאָך אונדז צו פאַרפלייצן! און דאָס איז די רעאַקציע פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס דאַרף זיין דער שומר און שלאָגן די טרעוואָגע? קומט אַראָפּ, זייט מוחל, פּ׳ראָגאָף, קיין „יוראָפּ״. נידערט אַראָפּ פון די וואָלקנקראַצערס און קוקט אייך אַיין מיט אויגן פון אַ נאַטור־וויסנשאַפטלער צו דעם מוראדיקן יידישן בראָך; רייסט אַראָפּ דעם, פון אַן איינגערעדטער זיכערקייט געשפּונענעם, שלייער וואָס פאַר־הוילט פאַר אייערע אויגן די וואָר, קומט שטודירט די שטימונגען, די דערשלאָגנקייט און דעם דאָך שטאַרקן ווילן אויף ס׳ניי צו פאַר־פירן אַ לעבן, פונעם יידישן יחיד ווי אויך פונעם כלל, און דעמאָלט אָבער נאָר דעמאָלט זאָגט צי ס׳וועט לוינען די דאָזיקע אַרבעט.

„גלאָט אַזוי זיך״ שפּעקולירן מיט אונדזערע וואונדן און פירן מליצהדיקע פּאָלעמיקן אויפן חשבון פון אונדזער טויגעוודיקייט צו פירן אַ וועלט ווי ביי לייטן איז נישט שייך...

בנוגע צו דער באַמערקונג אַז דאָס געלט וואָס די פריילאַנד פאַר נוצט איז אַרויסגעוואָרפנס, וועלכע האָט אונדז אַלעמען זייער שטאַרק

פֿאַרדראָסן, קען איך אײַך אײנס זאָגן: טויזנטער ייִדן האָבן זייער גורל פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון סורינאַם־פּראָיעקט, טויזנטער זײַנען גרייט און זיצן ווי אויף שפּילקעס צו פֿאָרן שוין אַמאָל, אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן „ציווישן אַ האַלב־ציוויליזירטער אָפּגעשטאַנענער באַפֿעל־קערונג" (ווי ס'שרײַבט פּ' ראָגאָף).

דאָס איז זייער גרויסע און אײנציקע האָפֿענונג!

אין נאָמען פֿון דער ווינער פֿרייִלאַנד־גרופּע

מיט דרך ארץ,

מרדכי שעכטער.

צי זיינען מיר געשלאָגן מיט בלינדקייט?

אז די יידישע פובליציסטיק האָט קיין סך נישט געלערנט פון די שרעקלעכע — פאַר אונדזער פאָלק — געשעענישן, איז שוין נישט קיין איין מאָל באַוויזן געוואָרן. דאָך אַ געוויסע מאָס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאָדערט זיך דאָך, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן גורלדיקע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אין אַזאַ צייט, ווען אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז אַזוי גרויזאַם פאַרניכטעט געוואָרן, אַ צווייטער טייל זיינער שטייט ביים ראַנד פון גרויסע נסיונות און געפאַרן — יידן פון א"י און די אַראַבישע לענדער ; — ווידער גרויסע טיילן, ווערן גייסטיק פאַרפרעמדט, פאַרשלונגען פון מאַטעריעל רייכערע קולטורן. יאָ, אין אַזאַ צייט קומט די באַנייטע טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג, מיט ערלעכע, מיט אחריות דורכגעווייטיקטע געדאַנקען און פּלענער. פאַר אונדז דאָ איז עס געווען אַ ליכטיקע בשורה פון נאַציאָנאַלער — אויך סאָציאַלער — אויפריכטונג. וואָס קאָן זיין פשוטער: אָנהייבן מיט באַשיידענער קאָלאָניזאַציע פון 30,000 יידן, שפּעטער אויסברייטערן די קאָלאָניזאַציע — דאָס לאַנד איז גרויס און מעגלעכקייטן וועלן זיין — ביז דער אויסבילדונג פון אַ געזונטן יידישן ישוב, אויף יסודות פון יידישן לעבנסשטייגער, יידישע שפּראַך און קולטור. דוכט זיך איינפאַך און קלאָר?

פּרוווט ה. ראָגאָף אויף זייער אַ לייכטן אופן, אַזוי זיך כּלאחר יד, אוועקמאַכן דעם גאַנצן ענין, אָט מיט וועלכע טענות: 1) דאָס לאַנד און זיינע מענטשן זיינען פּרימיטיוו. 2) וואו וועט איר נעמען מענטשן און געלט? ווילט זיך מיר אין נאָמען פון די מענטשן ענטפערן אויף די „טענות": זייט ווויסן פר. ראָגאָף אַז דווקא די פּרימי־

ביווקייט פון דעם לאנד און זיינע מענטשן איז דאס וואס געפעלט אזוי און ציט צו אונדזערע מענטשן פון מזרח אייראפע, וועלכע האבן געהאט אזעלכע טרויעריקע דערפארונגען, מיט ציוויליזירטע פעלקער און לענדער. דער אינסטינקטיווער און טיפסטער ווילן פון די וואס זיינען געווען אין די בונקערס און וועלדער, איז דאך געווען, אוועק וואס ווייטער פון אייראפע און אירע ציוויליזאטארישע גרוילן, אויך דער פארשטארקטער דראנג קיין א"י שטאמט דאך פון דעם לעבנס־געפיל.

איצט עטלעכע ווערטער וועגן מענטשן. האט זיך פ. ראגאף גענעבן די מי זיך צו דערוויסן, וואס עס טוט זיך אין די לאגערן. אויך אין אונדזערע לענדער — ביי יעדן קלאנג בלויז, וועגן א רעגים־טראציע צו עמיגרירן, וווהין ס'זאל נישט זיין, צענדליקער טויזנטער יידן זיינען גרייט צו פארן אפילו הינטער די הרי חושך אבי וואס ווייטער פון דעם געשעענעם, און וואס קאן געשען. צי דארף מען נישט דעם דאזיקן דראנג פון טויזנטער אויסנוצן, זאמלען אים, צו נאציאנאל רעטנדיקע פלענער? כ'קאן פארזיכערן פר. ראגאף — אויך אלע וואס טראכטן ערנסט וועגן עם ישראל — אז פון אונדזער קליי־נעם ישוב, זיינען טויזנטער שוין גרייט זיך באזעצן אין א ניי לאנד, וואו זיי זאלן קענען זיך אויסלעבן אין נאציאנאלער המשכדיקייט. אויך שוועריקייטן שרעקן נישט אפ. צו דעם זיינען זיי געוואוינט געווארן אין יארן פון אקופאציע. וואלטן נאר געשאפן געווארן די קאנקרעטע מעגלעכקייטן.

וועגן די יידן אין די אמעריקאנישע לענדער, נעם איך זיך נישט אונטער צו רעדן, וועגן דעם וויסן די פריינט אויף די ערטער בעסער. כ'פארשטיי בלויז, אז מאטעריעלע זאטקייט פארזיכערט נאך נישט דעם נאציאנאלן קיום, און שליסט נישט אוים קיין געפארן; איבער־חזרן געשיכטלעכע ביישפילן איז דאך איצט נישט נויטיק. וואס שייך געלט איז מיר שווער צו וויסן גענוי, וואו וועט עס „פריילאנד" נעמען. ס'איז אבער פאר מיר קלאר, אויב די יידישע געזעלשאפט און אירע פירער וועלן קארגן געלט אויף אזעלכע פאלקס אויפבויענדי־קע פראיעקטן, וועט עס זיין א באווייז, אז אויסער אלע אומגליקן וואס האבן אונדז געטראפן, זיינען מיר אויך געשטראפט געווארן מיט

בלינדקייט און מיר וועלן שוין אזוי בלינדערהייט גיין (חס ושלום) צום אונטערגאנג. כ׳גלויב אָבער אין נצח ישראל, גלויב איך אויך אַז ס׳וועט סטייען דעם יידישן פאָלק נענוג שכל הישר און לעבנסווילן צו פארשטיין די אומבאדינגטע נויטיקייט פון דער „פריילאַנד״ אר־בעט. ס׳וועלן זיך דאַן אויך געפינען די נויטיקע מיטלען פאַר דעם פּראָיעקט.

לאָמיר דיסקוטירן ווי אזוי שנעלער און ווירקזאַמער פאַרווירקלעכן זייטע נאציאָנאַלע פלענער; נישט גלויבן איז זייער א שלעכטע מידה...

זאָלן זיין געבענטשט די הענט פון די „פרייל‌אַנד״ טוער, וואָס טוען די בעסטע ארבעט פאַרן פאָלק. וה׳ יצליח דרכיהם !

פוילן, שלעזיע. שמואל ב.

לאָדזש, דעם 22־טן פעברואַר, 1948

אַ פּרימיטיוו, ניט-ציוויליזירט לאַנד ווילן מיר!

זייער געערטע פריינד !

אין לעצטן נומער „צוקונפט" (פעברואר 1948) האָב איך גע־לייענט צוויי אַרטיקלען וועגן סורינאַם פּראָיעקט : איינעם פון ש. ניטמאַן — פאַרן פּראָיעקט, אַ צווייטן — פון הלל ראַגאָף —קעגן פּראָיעקט. דערלויבט מיר, חשובע פריינד, צו נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע און אַרויסזאָגן מיין מיינונג — אַ מיינונג פון אַ מענטשן וועלכער האָט „אַ געוויסע שייכות" צו די דאָזיקע פּראָיעקטן, ווייל היי ש. גוטמאַן, סיי הלל ראַגאָף, ריידן דאָך אין נאָמען פון „די יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם שרעקלעכן גיהנום פון די היטלער יאָרן"...

איך בין איינער פון די דאָזיקע, וועלכע האָבן די היטלער תקופה דורכגעמאַכט פון ערשטן טאָג אָן, ביזן לעצטן מאָמענט, און וועל־כער פילט נאָך די רעזולטאַטן פון דער תקופה ביז היינט. דעם גאַנצן גאַליקן כוס פון דער היטלער עפּאָכע האָב איך אויסגעטרונקען ביזן לעצטן טראָפּן. איך פאַרשטיי זייער גוט די טועה פון דער „פריי־לאַנד־ליגע", וועלכע ווילן, וועלכע זוכן און האָבן געפונען אַ רעטונג פאַר אַ טייל יידן — אין סורינאַם.

איך קען אָבער, ביי מיין בעסטן ווילן, נישט פאַרשטיין די שטעל־לונג פון זייער געערטן הלל ראַגאָף, וועלכער פּרובירט צונישט מאַכן און אָפּשלאָגן דעם סורינאַם פּראָיעקט צוליב פאָלגענדיקע טעמים :

1) דאָס לאַנד סורינאַם איז אַ ווילד לאַנד, ווייט פון דער

ציוויליזירטער וועלט, האט א פרימיטיווע באפעלקערונג און אפילו די „פריילאנד" טוער אליין וועלן אהין נים פארן.

2) די הייםלאזע האבן בכלל „נים פארדינט, אז מען זאל זיי שיקן די הרי החושך".

3) פארן רעאליזירן דעם פראיעקט וועט נים זיין קיין געלט און נים קיין מענטשן. דאס זיינען די הויפט ארגומענטן פון געערטן הלל ראגאף קעגן דעם סורינאם פראיעקט.

איצטער לאמיר גיין כסדר.

דאס לאנד (סורינאם) איז ווילד, פרימיטיוו, נים ציוויליזירט א. א. וו. הלוואי וואלטן די כמעט הונדערט פערזאן פון מיין איינג־נער משפחה, אזוי גוט ווי די גאנצע זעקס מיליאן יידן, וועלכע זיינען דא אויסגעשאכטן געווארן, געלעבט אין א ווילדן "נים ציוויליזירטן, פרימיטיוון לאנד", איידער צווישן א ריי „הויך ציוויליזירטע" פעלקער און טעכניש ענטוויקלטן „געשטאפא" אפאראט.

מער און מער די האפענונגען אמאל פון דאנען זיך ארויסצובאקומען. לעצטנס האט די בריטישע רעגירונג באוויליקט 1500 סערטיפיקאטן

די „פריילאנד" טוער, מיינט איר, הער ראגאף וועלן נים פארן קיין סורינאם — אויף דעם וועל איך אייך ענטפערן מיט פאלגענדי־קער נאטיץ, וועלכע איך האב די טעג געלייענט אין אייער אן אמע־ריקאנער צייטונג:

הרב מאיר בערלין, דער גייסטיקער פירער פון די מזרחי ציוניסטן, אמאל זייער הויפט פירער, האט געוואלט וויסן וויפיל פון די העבער טויזנט אנטיילנעמער אין דעם אפשיידם באנקעט פארן ראבאי אבא הלל סילווער זיינען גרייט צו פארלאזן אמעריקע און זיך באזעצן אין דער יידישער מלוכה, און ער האט גענומען אן אפ־שטימונג, וועלכע האט געגעבן א זייער אומגינסטיקן רעזולטאט... בלויז 5 אדער 6 הענט האבן זיך אויפגעהויבן און פון זיי זיינען א העלפט געווען פרויען־הענט".

(„פארווערטס" שבת דעם 17טען יאנואר, . י.).

פארן רעאליזירן דעם סורינאם פראיעקט וועט נים זיין קיין געלט און נים קיין מענטשן, זאגט איר ווייטער, פריינד ראגאף.

פינוואנגען אזא זיכערקייט? ווען מיר יידן, זאָלן קענען געפינען די געהעריקע וועגן און מיטלען, ווי אזוי ארויסצובאקומען אונדזערע פארמעגענס, וועלכע זיינען נאָך היינט צו טאָג דאָ אין די הענט פון די יעניקע, וועלכע האָבן זיך אין אונדזער בלוט געבאָדן, וואָלטן מיר סורינאַם און ארץ ישראל געקענט פארוואנדלט אין בליענדיקע לענדער. איך האָף, אז סוף כל סוף וועט מען דורך דער „אָנו" געפינען א מיטל ווי אזוי אָפּצונעמען דעם איבערגעבליבענעם יידישן פארמעגן און אים פארוועגדן צום ראטעווען דעם רעשט יידן.

צו דער זעלבען צייט בין איך איבערצייגט, אז גרויסע יידישע וועלט אָרגאניזאציעס (מאַסע אמעריקאנער), וועלכע ווייסן גלענצנד די לאגע אין וועלכער עס געפינען זיך די יידן אין אייראָפּע, וועלן באשטימט מיט אלע כוחות און מעגלעכקייט, העלפן דער „פרייל-אנד-ליגע" אין רעאליזירן דעם סורינאם פּלאן.

וואָס איז שייך אייער שרעק, אז עס וועלן ניט זיין קיין בעלנים צום פאָרן קיין סורינאם, וואָלט איך אייך ראטן מאכן א פּראָבע און ארויסשיקן די ערשטע צען טויזנט וויזעס און דאָס ניט נאָר אין די לאגערן...

טייערער פריינד ראָגאָף און אלע וועלכע טראכטן אזוי ווי איר! האָט אויף מיר קיין פאריבל ניט ווען איך וועל אייך פרעגן: מיט וואָס פאר א רעכט טרעט איר ארויס אין אונדזער נאָמען קעגן א פּראָיעקט וואָס האָט בדעה ארויסצוראטעווען א געוויסע צאָל יידן פון עמק הבכה?

מיר יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאכט די שווידערלעכסטע תקופה פון אונדזער פאָלקס געשיכטע האָבן אוודאי ניט פארדינט, אז מען זאָל אויף אונדזערע פריצייטיק גרוי געוואָרענע קעפּ טרייבן פּאָליטיק! איר גלויבט ניט אין פארווירקלעכן דעם סורינאם פּראָיעקט? אין די שווידערלעכסטע יאָרן ווען מען האָט אונדז געשיקט און גע-ברענט האָט איר דען יאָ געגלויבט? (איך פארשטיי — דאן האָט מען מאַקע געקענט ניט גלויבן אין אזעלכע זאכן.). איר האָט גענומען עפּעס טאָן אונדז צו ראטעווען ערשט דאן, ווען ס'איז שוין ניט גע-ווען וועמען צו ראטעווען! איר טאָרט ניט זאָגן — גיין — ביי קיין

שום פאַל ניט וואָס זעט פאַר צו ראַטעווען, צו העלפן, היינט, כאָטשבע איין איינציקן יידן.

טויזנטער יידן וועלן פאָרן קיין סורינאַם! איר קענט דאָס באַ־גרייפן!? פאַר אייך עקזיסטירן אַזעלכע דעליקאַטע באַגריפן, ווי שווערע פיזישע אַרבעט, פּרימיטיווקייט, ליידן, צרות, נויט; ביי אונדז זיינען אַזעלכע ווערטער אויסגעמעקט פון ווערטער־בוך. זיי עק־זיסטירן ניט פאַר מענטשן, וועלכער האָט דורכגעמאַכט די היט־לער־תקופה. דעריבער מוזט איר זען, און מיטהעלפן, אַז די פריי־לאַנד־ליגע" זאָל דווקא יאָ ווערן אַ גרויסע באַוועגונג, ווייל „פריי־לאַנד" וויל ברענגען הילף צו טויזנטער אומגליקלעכע, וועלכע וואַרטן מיט אויסגעשטאַרטע אויגן אויף דער דאַזיקער הילף.

פילאָזאָפירט ניט, פאַרזאָרגט ניט קיין וועלטן. מען קען שוין, היינט, העלפן הונדערט, טויזנט יידן — זאָלן געבענטשט זיין די הענט פון די וועלכע טוען די אַרבעט! ניט העלפן איז אַ פאַרברעכן, שטערן איז ניט צו באַגרייפן...

אונדזערע קעפּ, אונדזערע מוחות קענען ניט באַגרייפן, ווי אַזוי קען אַ יידישער פּובליציסט (אומאָפּהענגיק פון זיינע פּאָליטישע אַנ־שויאונגען) אַרויסטרעטן קעגן אַ פּראָיעקט, וואָס קען שוין ברענגען ממשותדיקע הילף, די באמת אומגליקלעכסטע קינדער פון אונדזער שווער געפּראָווטן פאָלק.

נעמט אָן די האַרציקסטע גרוסן פאַר אַמעריקאַנער יידן.

מאַג. מ. באַלבערישסקי.

נ. ב. — וועגן זיך: די היטלער־תקופה האָב איך דורכגעמאַכט אין ווילנער געטאָ, דערנאָך אין די טויט־לאַגערן פון עסטאָניע, מיט טויזנטער ניסים געבליבן ביים לעבן.

דער סורינאַם־פּראָיעקט ניט קיין קאָנקורענץ צום ציוניזם

צופעליק איז אונדז אַריינגעפאַלן דער פעברואַר נומער פון „צוקונפט.” אונדזער אויפמערקזאַמקייט האָבן צוגעצויגן צוויי אַרטיקלען וועלכע רירן אָן די אָנגעווייטיקטסטע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן. איינער פון שאול גוטמאַן, „יידן אין סורינאַם,” און הלל ראַגאַפּ'ס „אַ מיינונג פון אַ קעגנער פון ס. פּ.” מיר, דאָס הייסט, אַ גרופּע היימלאָזע די־פּי'ס אין דייטשלאַנד, וועלן אייך זיין זייער דאַנקבאַר ווען איר וועט אונדז דערלויבן צו נעמען אַ שטעלונג צום באַרירטן ענין. און אין דער ערשטער ריי ענטפערן דעם ה. ראַגאַפּ. מיר ווילן ניט ענטפערן אויפן אַרטיקל ווי פריילאַנד חסידים (ווייל וואָס אַן אמת, איז נאָך פאַר אונדז די גאַנצע סורינאַם־געשיכטע גאַנץ ניי און טאַקע דער „פעברואַר נומער „צוקונפט” האָט שטאַרק באַרייכערט אונדזער וויסן וועגן דעם). נאָר ווי אַלטע די־פּי'ס וועלכע האָבן געהאַט דעם „גליק” באַפרייט צו ווערן פון היטלערס קאַצעט לאַגערן.

אין די זעלטענע מאָמענטן פון מנוחה האָט ניט איינער פון אונדז געחלומט ליגנדיק אויף די האַרטע קאַצעט ברעטער, אַז טאָמער וועט אַמאָל טרעפן אַ נס און מען וועט דערלעבן באַפרייט צו ווערן, וועט דאָס געוויס זיין פאַרן קליין בינטל יידן אַ גן־עדן, מען וועט

פשוט נים וויסן וואָס צו טאָן מיט אונדז. און ווען דאָס איז אין 1945 געשען, איז מען געווען זיכער, מ׳וועט זיך אביסל אָפּרוען, און דאַן — היידא נאָך ארץ ישראל. פון דעם מאָמענט זיינען שוין פאַרלאָפן כמעט דריי יאָר, פאַר דער צייט האָט זיך נאָר אַ גאַנץ קליינער גרופּע איינגעגעבן עולה זיין קיין ארץ, דער רוב מנין זיצט נאָך אַלץ אויף דער בלוטיקער היטלער ערד, פאַרלירנדיק אַלץ מער און מער י האָפנונגען אַ מאָל פון דאַנען זיך ארויסצובאַקומען. לעצטנס האָט די בריטישע רעגירונג באוויליקט 1500 סערטיפיקאַטן אַ חודש, אָבער אין דער פּראַקטיק באַקומען אַזאַ מין סערטיפיקאַט מוז מען האָבן גרויס זכות אָבות. מען מוז אומבאַדינקט וואוינען אין איינעם פון די הײמלאָזע לאַגערס, הלילה נים וואוינען אין שטאָט. ווי דער פאַל איז מיט זעכציק פּראָצענט יידן, און דאַן מוז מען נאָך שטאַרק נושא חן זיין ביי די הערשנדיקע פּאַרטייען, מיט איין וואָרט, אַ פּשוטן הײמלאָזן קען נאָך אויסקומען לאַנג צו וואַרטן.

ס׳איז אמת, אַז פיל הײמלאָזע ווילן גערן פאָרן צו זייערע קרובים אין אמעריקע, אָבער דערווייל, טראָץ דעם באַזיצן פון אַפידייוויטס און אַנדערע פּאַפּירן, קען מען פון דער ברימישער זאָנע נים פאָרן. אַנדערע עמיגראַציע לענדער שטעלן נאָך גרעסערע שוועריקייטן. און דערווייל זיצט מען אויף דער בלוטיקער ערד און מען ווערט פאַרצווייפלט ווארטנדיק. מיר ווייסן אַז אמעריקע פאַרגעסט אונדז נים. מיר זיינען אַ גאַנץ גוטער דזשאָב פאַר פאַרשיידענע רעליפן. מען באַזאָרגט אונדז מיט ארבע־כנפותן, סידורים מיט ענגלישע טעקסטן, אַלטע שיך און געבלימלטע שניפּסן, פּערל־גרויפּן און אַנדערע אכילות.

עס באַמיען זיך נאָך שטאַרק פאַרשיידענע אמעריקאַנער אין מונדירן פון דזשאָינטן־רעליפן (מיט מינעס פון איבערמענטשן) אונדז צו דערציען און טראָץ אַלע גליקן זיינען מיר אומדאַנקבאַר און נים צופרידן... פאַרוואָס? ווייל מיר ווילן ענדלעך אָנהויבן צו לעבן ווי נאָרמאַלע מענטשן און נישט ווי שנאָרערס. פון צדקה, פון זיצן אין דייטשלאַנד ווערט די מערהייט אַלץ מער דעגענערירט, געוויינט זיך אַלץ מער אָפּ פון אַ נאָרמאַלן לעבן. מען מוז פון דאַנענט פאַר

יעדן פרייז ארוים, כל זמן עס איז נאָך ניט צו שפעט. מען מוז אונדז פשוט נאָך אמאָל באַפרייען פון אונדזער „באַפרייאונג." דער רוב מנין האָט נים וואָס צו פאַרלירן. ער איז גרייט צו פאָרן אפילו אויף דער לבנה, ווען ער ווייסט אז ער וועט דאָרטן קענען נאָרמאַל לעבן און שאַפן. עס איז א שאָד וואָס ערשט דורך אייער צייטונג האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן סאַן־דאָמינגאָ. מיר פאַרזיכערן אייך אז בעלנים וואָלטן נים געפעלט. צו דעם בילד מוז מען נאָך צו־געבן, אז אין דייטשלאַנד הערשט א געוואַלטיקער אנטיסעמיטיזם — נים קיין קלענערער ווי אין רשעם צייט.

נעמענדיק אין באַטראַכט די אַלע פאַקטן, קען מען גאַנץ דרייסט זאָגן, אז דער סורינאַם פּראָיעקט וועט געפינען (האָט שוין זיכער געפונען) א טיפן אָפּקלאַנג ביי דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד. מיר האַלטן אויך ניט דעם סורינאַם פּלאַן ווי א קאָנקורענץ צום ציוניזם, אָדער ווי א שעדיקונג פון זיינע פּאָליטישע צילן. מיר, די יידן אין דייטשלאַנד, שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אז א יידישער שטאַט אין ארץ ישראל איז א היסטאָרישע נויטווענדיקייט פאַרן ווייטערדיקן קיום פון פאָלק. אָבער גלייכצייטיק ווייסן מיר גאַנץ גוט אז ארץ ישראל קען נישט ביי דער בעסטער פּאָליטישער קאָניונקטור אריינעמען אַלע יידן וואָס ווילן דאָרטן פאָרן. דעריבער מוזן מיר אויסנוצן יעדע געלעגנהייט זיך צו ראַטעווען.

ה. ראַגאָף (געווים איז זיין אונוויסנקייט אָדער פון הערן פון פאַרשיידענע צדקה־קלייבער) שטעלט פאַר די הײמלאָזע יידן ווי קראַנקע, צעבראָכענע מענטשן, וועלכע מוזן געשיקט ווערן אין בעסטן פאַל אין סאַנאַטאָריומס. דער פריינד ראַגאָף ווייסט נים אז די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם היטלער גיהנום, זיינען יונגע און פיזיש געזונטע מענטשן. אין קענגטייל, וואָלטן זיי שוין לאַנג געווען דאָרטן וואו עס זיינען זייערע נאָענטע, און צי דעם געפינען זיך צווישן זיי פיל אויסגעצייכנטע פאַכמענער (וועלכע פאַרדאַנקען זייער לעבן נאָר די גוטע פאַכקענטעניש). די אַלע געזונטע און יונגע מענטשן זיינען שויז באַלד דריי יאָר אומפּראָדוקטיוו. זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן

מאָמענט ווען זיי וועלן קענען פאַרווענדן די מאַסן אָנגעזאַמלטע ענער־גיע. נאָכאַלעמען, דאַרף מען זיך ווינטשן אַ בעסערן קאָלאָניזאַציע עלעמענט? מיר זיינען מסכים... „צו באַזעצן דרייסיק טויזנט יידן דאַרף מען האָבן מיליאָנען און מיליאָנען דאָלאַרן.” אפשר איז די צאָל פון די מיליאָנען עטוואָס איבערטריבן, אָבער פיל געלט דאַרף מען האָבן, און דאָס נויטיקע געלט מוז געשאַפן ווערן, מיט דער אונטער־שטיצונג פון דער גאַנצער פרעסע, מיט דער הילף פון אַלע צדקה חברות, ווי דער דזשאָינט, דזשאָינט אַפּיל, א.א. עס מוז זיך אָנפאַנגען אַ ברייט־פאַרצווייגטע קאַמפּאַניע פאַר דער שנעלער פאַרווירקלעכונג פון סורינאַם פּלאַן.

און ווי שרייבט דער פריינד ראַנגאָף... „מען דאַרף האָבן אײַ־ ווינען, אַז דער סורינאַם פּראָיעקט קען ניט ווערן אָפּגעלייגט אויף לאַנג” און מיר, די שארית הפליטה, קען אויך מער ניט וואַרטן.

מיר האָבן פּאַראיבל אויף פריינד ראַנגאָף וואָס אָנשטאָט צו באַגריסן די טוער פון דער פרייל̇אַנד באַוועגונג, וואָס טראָץ זייערע באַמיאונגען אין לויף פון צענדליקער יאָרן איז זיי ניט געלונגען צו פאַרווירקלעכן זייערע אידייען, האָבן זיי נישט פאַרלאָרן דעם מוט, און אָרגאַניזירט און אַרויסגעשיקט עקספּערטן, געשלאָסן אַן אָפּ־מאַך מיט אַ רעגירונג, און געקומען צו דער עפנטלעכקייט מיט עט־וואָס קאָנקרעטעס. מיר, פון אונדזער זייט, זיינען שטאַרק דאַנק־באַר די פריילאַנד טוער, וואָס האָבן אונדז ביז איצט ניט געשפּייזט מיט פאַרשיידענע צוזאָגן, ניט געקליבן אין אונדזער נאָמען געלט און אונדז נישט מהנה געווען מיט אַמעריקאַנער שמאַטעס און קאָנדענ־סירטע וועדזשעטייבלס. אין דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע אי־דעאַלן זאָלן זיי די באַצאָלונג האָבן·

טייערע רעדאַקציע, נעמט אונדז ניט פאַר אומגוט, וואָס עס איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצער אַרטיקל. וועגן דעם ענין קען מען גאַנצע ביכער שרייבן. און דאָן בעטן מיר אונדז אַנטשולדיקן ווען עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַ ביסל סטיליסטישע פעלערן. מיר זיינען ניט קיין שרייבער.

דאַנקענדיק פאַרויס פאַרבלייבן מיר, מיט אכטונג, א. נ. פון אַ גרופּע די פּי.׳ס. יצחק האָפמאַן, האַמבורג.

מיר מוזן ווערן אַ פּראָדוקטיוו פאָלק!

אין לעצטן „צוקונפט" האָב איך געלייענט אייערן אַן אַרטיקל אין וועלכן איר קריטיקירט דעם פּלאַן פון דער „פריילאַנד ליגע" צו באַזעצן יידן אין סורינאַם.

וואָס אַמבאַלאַנגט קריטיק איז עס פון די גרינגסטע זאַכן און טאָן קען דאָס יעדער איינער, אויב אַפילו די קריטיק האָט נישט קיין גרונט. אָבער דאָך גלויב איך, אַז סתם קריטיק אָן שום גרונט האָט ניט קיין צוועק. איך פון מיין זייט קען אייך זאָגן, אַז דער פאַר־לאַנג פון די אייראָפּעאישע יידן איז אונדז, דאָ אין די לאַגערן, מער באַקאַנט ווי אייך אין אַמעריקע. מיר דאָ אין די לאַגערן זיינען די יעניקע וואָס מאַכן דורך און האָבן דורכגעמאַכט אַלע געשעענישן צוזאַמען מיט אַלע יידן אין אייראָפּע צוגלייך. און דעריבער פילן מיר און ווייסן די גאַנצע טראַגעדיע פון אונדזער איצטיקן לעבן, מיר ווייסן וואָס אונדז פעלט, און ווייסן וואָס מיר ווילן.

ביי אייך אין אַמעריקע איז די זאַך גאָר אַנדערש. ביי אייך איז עס פּאָליטיק, און ביי אייך איז עס שיינע ווערטער מיט פאַר־שידענע אידייען. איר אַלע אין אַמעריקע האַלט אין איין טראַכטן און זאָרגן וועגן אונדז. אָבער טאָן טוט קיינער גאָרניט. און אויב עס האָט זיך יאָ געפונען אַ פריילאַנד ליגע, וועלכע דענקט און טוט, געפינען זיך מענטשן, וועלכע ניט נאָר זיי העלפן ניט, נאָר זיי שטערן.

איר שרייבט, אַז די יידן פון אייראָפּע האָבן ניט פאַרדינט, אַז מען זאָל זיי שיקן אין סורינאַם. לויט אייער מיינונג קומט זיי בע־

בערם געוויינטלעך, פון בעסערס וועט זיך קיינער נים אפזאָגן. אבער וואו איז דאָס בעסערע? קיין בעסערס איז דערווייל נישאָ. און איך פון מיין זייט קען אייך זאָגן, אז בעסער א וואַראַבײ אין העשענע איידער אַן אָדלער אין הימל.

איר שרייבט, אז יידן וועלן נים וועלן פאָרן אין סורינאַם. געוויינטלעך, עס איז געוויס בעסער צו לעבן אין א לאַנד מיט א מעסיקן קלימאַט. אָבער וואו איז דאָס לאַנד?

צי דען פארשטייט איר נים אז אויב מען וויל שאפן א קאָנצענטרירטן יידישן ישוב קען עס נאָר פּאַסירן אין א ווייניק באַוואוינט לאַנד, און דעריבער וועט שוין דער קלימאַט זיין נים אזוי מחיהדיק. ווייל אין אַלע לענדער, וואו דער קלימאַט איז גוט, זיינען זיי אזוי געדיכט באַוואוינט, אז וועגן יידישע ישובים קען שוין קיין רייד נים זיין. אויב עס האַנדלט זיך וועגן ציוויליזירטע לענדער איז אייראָפּע אויך געווען „ציוויליזירט" און דער קלימאַט איז געזונט. אָבער דאָך דאָ, צווישן ציוויליזירטע פעלקער, האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק א קאַטאַסטראָפע וואָס מ'קאָן נאָר דערוואַרטן ווען ס'לאָזט אונדז אַריין אין א שטיקל מיט צעבושעוועטע ווילדע חוית.

אַלעמענס בליק ווענדט זיך צו ארץ ישראל! אָבער, צי דען האַנדלט עס זיך אַן אונדז און דאָס איבעריקע איז שוין אין אָרדנונג?

ערשטנס זיצט מיר דאָ אין די לאַגערן שוין דעם דריטן יאָר. טראָץ דעם, ווען מען וואָלט שוין יאָ קענען פאָרן, איז ארץ ישראל נים אויפנאַמס-פּייאיק, אז זי זאָל אונדז אַלעמען קענען אריינגעמען. איך רעד געוויינטלעך נאָר וועגן די יידן פון די לאַגערן. איך רעד שוין נים וועגן די יידן פון גאַנץ אייראָפּע. נאָר וואָס דען, מ'דאַרף זיצן דאָ אין די לאַגערן און וואַרטן. דאָס הייסט, אז עס קאָן דויערן א יאָר, צוויי, דריי, אָדער פינף. א שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער גוט הארץ. און אויב איר זיים שוין יאָ אזוי גוט, טאָ, ביטע, קומט צו אונדז און זיים דאָ כאָטש איין יאָר, און לעבט אויף די זעלביקע באַדינגונגען וואָס מיר, וועט איר גלייך בייטן אייער מיינונג און וועט שוין דענסטמאָל יאָ פאָרן נים נאָר אין סורינאַם, נאָר אפילו אויף א טייוול-אינדזל.

און, דענקט איר אז אויב יידן וועלן פארן אין אנדערע אמע־
ריקאנער לענדער, איז שוין גוט? ערשטנס קומט די זאך ניט פאר,
ווייל מען לאזט אונדז ניט אריין. און, צווייטנס, ווען מען וואלט שוין
יא קענען פארן, איז וואס ערווארט אונדז דארט?

מענטשן מיט א פאך וועלן נאך עפעס אויפטאן. און וואס זאלן
טאן מענטשן וואס האבן ניט קיין פאך — ווערן הענדלער ? און
שפרייטן דעם אנטיסעמיטיזם, וועלכער איז שוין אזוי אויך גענוג
גרויס? ניין. דאס האט ניט קיין זין, צוליב דעם דארף מען ניט
וואנדערן.

איצט קען איך אייך שרייבן וווהין יידן ווילן יא פארן.

נאך דער גרויסער קאטאסטראפע וואס האט געטראפן דעם יידישן
פאלק אין דער לעצטער וועלט מלחמה, זיינען יידן געקומען צו דער־
איבערצייגונג אז מיר מוזן ווערן א פראדוקטיוו פאלק און בויען
אונדזער נייעם לעבן אויף געזונטע פראדוקטיווע יסודות; מיר מוזן
זיין קאנצענטרירט און נישט אפהענגיק פון יענעם. דאס קענען מיר
נאר דערגרייכן אין אזא לאנד ווי סורינאם, וואו יידן וועלן זיך
קענען רואיק לעבן און פארנעמען זיך מיט לאנדווירטשאפט.

אין אויב איר זארגט שוין יא פארן יידישן פאלק, איז עס דער־
גרעסטער פארברעכן פון אייך: נישט ווייניק וואס איר העלפט נישט
נאר איר שטערט. מיין עצה איז: וואס ווייניקער פאלעמיזירן און
טאן מער רעאלע זאכן, לויטן ביישפיל פון דער „פריילאנד ליגע״
אין אמעריקע. געבענטשט זאלן זיין אייערע הענט!

מיט אכטונג,

ב. ליפשיץ

לאנער וועגשייד, עסטרייך.

סורינאַם — אַ געשיכטלעכע נויטווענדיקייט

(און ענטפער ה. ראַנאַף)

שטייער, אָבער־עסטרייך, פעב., 1948.

דער סורינאַם פּראָיעקט מוז ווערן פאַרווירקלעכט דערפאַר, ווייל עס איז אַ היסטאָרישע דרינגענדיקע נויטווענדיקייט פאַר צענדליקער טויזנטער לאַגער יידן, ווי אויך פאַר די יידן, וואָס וואוינען אין די „ציוויליזירטע" לענדער.

לאָמיר רואיק און זאַכלעך אַנאַליזירן אָביעקטיוו אָט־די אַנגע־ווייטיקטע — פאַר אונדז לאַגער־יידן־פּראָבלעם און מיר וועלן קומען צו אַ געמיינזאַמען אויספיר:

1. וואָס פאַרא עלעמענט זיינען די „היימלאָזע לאַגער־יידן" און וואָס שטעלן זיי מיט זיך פאָר?

די „היימלאָזע יידן" וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם שרעקלעכן גיהנום פון די היטלער־יאָרן, האָבן די פולסטע פיזישע כוחות, אייזער־נע נערוועז און גייסטיקע רואיקייט. ווען ניט די דריי הויפּט־אייגנשאַפטן וואָלטן זיי זיכער געווען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע ברידער און שוועסטער אין די היטלער־קרעמאַטאָריעס און אין די גרויסע קיבירער סטעפּעס. דער פאַקט אליין, וואָס נאָענט צו דריי יאָר מאַטער־ניש אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען אין די די־פּי לאַגערן, האַלטן זיי אוים מיט ווירדע און אייזערנעם געדולד, באַווייזט ווי ווייט־גייענדיק

איז דער אינעווייניקער דראַנג זייערער צום לעבן און ווי ווייט זייער גייסטיקער רואיקייט —כאָטש אַ דענערווירטע, — און זייערע פיזי־שע כוחות זיינען גאָר ניט ענלעך צו דער רואיקייט און צו די פי־זישע כוחות פון „מענטשן וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ לאַנגע שווע־רע קראַנקייט”. אַט־אָ־די היימלאָזע די־פּי יידן, קאָנען ווערן איינגע־טיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: א) מענטשן פּראָדוקטיווע באַשעפטיקט אין די לאַגערן ביי פאַרשיידענע מלאכות ווי: שוסטער און שניידער, שטריקערינס, לאַגער־אָנגעשטעלטע, סאַניטאַרן און אַנדערע פּאַבלייט אָרגאַניזירטע און ספּעציעל באַצאָלטע דורכן דזשאָינט. ב) אַ קאַ־טעגאָריע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און ספּעקולאַ־ציע און ג) אַזוינע, וואָס טוען גאָרנישט, וואָס זיינען ניט פעאיק צו אַרבעטן אָדער האַנדלען. אין לאַגער שטייער, למשל, ביי אַ אַלגעמיינער צאָל פון 1700 פּערזאָן, זיינען באַשעפטיקט 475 אַר־בעטער,וואָס מאַכן אויס צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס ביי 14 הונ־דערט מענטשן, אין דער צווייטער קאַטעגאָריע זיינען אַנגאַזשירט ביי 100 „פּראָפעסיאָנאַלן”, וואָס ווילן בשום אופן ניט פאַרגעסן זייער אַלטע געוואוינהייט, און דאָס רעשט מענטשן זיינען די, וואָס קאָנען זיך ניט אַריינפּאַסן אין די ערשטע צוויי קאַטעגאָריעס.

2.—אידעאישע איינשטעלונגען פון דער די־פּי־מאַסע און די אויסזיכטן צו פאַרלאָזן די לאַגערן.

ווען מע זאָל ווען דורכפירן אַן אויפריכטיקן פּלעביסציט אין די לאַגערן, כדי צו קאָנען פעסטשטעלן אויף ווי ווייט ס'איז דער „גאָר גרויסער פּראָצענט פון די די־פּי־יידן”, וואָס האָבן „ביי זיך פעסט אָפּגעמאַכט, ניט צו פאָרן אין קיין אַנדער לאַנד ווי אין ארץ ישראל”, וואָלט, לויט אונדזער מיינונג דער הער ראָגאָף, זיך באַדאַרפט אָראָפּכאַפּן, כאָטש אויף אַיין אויגנבליק, אין די לאַגערן, בכדי מיט אייגענע אויגן פעסטשטעלן דעם פּראָצענט, וואָס „וואַרטן אויף אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אין אַמעריקע אָדער אין אַן אַנדער ציוויליזירט לאַנד”, וואָס באַלאַגערן טאָג־טעגלעך די „איי. אַר. אָי־” די־פּי ביורא, אויף צו קאָנען זיך דורכשמוגלען קיין קאַנאַדע, ווע־פּאַר זיך — דער בעסטער פּלעביסציט, פאַר דעם־אַ „גאָר גרויסן

נעזוועלע, טשילי אָדער בראַזיל, און דאָס וועט שוין זיין — אַליין פּראַצענט וואָס ווילן ניט פאָרן אין קיין אַנדער לאַנד"... און אויב דאָס וועט ניט זיין מאַסנגעבנדיק אָדער צו ווייניק פאַר הער ראַגאַף אָדער אַנדערע אַמעריקאַנער געסט, וואָס באַזוכן פון צייט צו צייט די לאַגערן, קאָנען מיר נאָך צוגעבן די צאָל פון 2,000 דעקלאַרירטע מיטגלידער פון דער אָבער־עסטרייכישער „פריילאַנד־ליגע", מענטשן וואָס פאַרנעמען אַפילו אַנפירנדיקע פּאָסטונג אין די לאַגער־קאָמי־טעטן, אַפילו אַנפירנדיקע אַמטן אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין זאַלצבורג, מענטשן וואָס וואַרטן מיטן גרעסטן אומגעדולד און האָפענונג, צו קאָנען זיך לאָזן אין וועג אריין, אין דעם „ווילדן לאַנד" סורינאַם, און בויען זייער היים, זייער „קאָלאָניע צווישן אַ צוריק־געשטאַנענער, פּרימיטיווער באַפעלקערונג ווייט פון דער ציוויליזירטער וועלט". דאָס אַלטע יידישע ווערטל: „אַ גאַסט אויף אַ וויל און זעט אויף אַ מייל", איז ווייט ניט צוגעפּאַסט פאַר הער ראַגאָפס די־אַגנאָז: אַז „צוליב אַן אידייע אָדער אַן אידעאַל וועט אַ ייד אַהין ניט וועלן פאָרן", דערפאַר, ווייל „די היימלאָזע יידן נייטיקן זיך פריער פאַר אַלץ אין פיזישער און גייסטיקער אויפפאַסונג איידער זיי וועלן זיין אומשטאַנד צו אונטערנעמען די פליכטן און אויפגאַ־בעס, וואָס עס פאָדערט אַ נאָרמאַל לעבן". אַלזאָ, וואָס פאַרא ציווי־ליזירט לאַנד, זעט עס איר פאַר, הער ראַגאַף, זאָל יאָ אויפנעמען די „היימלאָזע", בכדי דער מענטשן קוואַל פון וואַנען די „פריילאַנד־ליגע" קלערט צו שעפּן — זאָל זיך אויסשעפּן אין עטלעכע יאָר ארום אָדער נאָך פריער?, אדרבא, פּרובירט אָנווייזן וואָסער לאַנד, אויסער די צוויי נאָבעלע פעלקער: האָלאַנד און סורינאַם, האָט אונדז אויס־געשטרעקט זייער האַנט, כדי אונדז צו געבן אַ „פיזיש און גייסטיקע אופפאַסונג" איידער מיר „וועלן זיין אימשטאַנד צו אונטערנעמען די פליכטן און אופגאַבעס, וואָס עס פאָדערט אַ נאָרמאַל לעבן"? ניט צוליב אַן אידייע אָדער אידעאַלן רייסן זיך די יידישע די־פּי־מאַסן אריינצובאַקומען אין אַנדערע לענדער אָדער אין דעם „ווילדן לאַנד סורינאַם", כדי דאָרט צו ווערן פּיאָנערן און „פירן אַ שווער לעבן פון פּיאָנערן", נאָר מחמת דעם וואָס זיי ווערן געטריבן פון אַ

טיפן לעבנס־אינסטינקט,,, פון דעם זעלביקן איסטינקט, וואָס האָט זיי — די היימלאָזע — נאָך נעכטן גערעטעוועט פון היטלער־גיהנום און פון רוסישן גן־עדן. וואָס זיינען די סיבות וואָס האָבן לעצטנס אַזוי שטאַרק מיטגעווירקט, אַז די־אָ „היימלאָזע" זאָלן זיין אַזוי גרייט צו לויפן וואו נאָר עס עפנט זיך אַ טיר פאַר זיי? א) דער פאַקט פון דער חלוקה פון פאַלעסטינע, וואָס האָט גלייך פאַרמשפּט די יידישע די־פּי'ס אויף לאַנגע יאָרן לאַגער־לעבן. ב) די פאַרשאַרפטע קאָמפּליצירטע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן מיט דער דראָענדיקער מלחמה־געפאַר, און ג) מידקייט פון זיין אַ „היימלאָזער", פירן אַ לעבן פון בעטל־ברויט, און טיפע בענקשאַפט זיך צו דערשלאָגן ענדלעך צו אַ רואיקער און זיכערער היים. דער דורכשניטלעכער מאַסן־מענטש קאָן ניט און וויל ניט זיין מער אין די לאַגערן: דער טרוים פון אַ מאַסן־עמיגראַציע קיין ארץ ישראל, געהערט שוין לאַנג צו דער פאַרגאַנגענהייט. דער מאַטעריעלער צושטאַנד ווערט פאַרערגערט מיט יעדן טאָג, סיי דורך דעם „איי אר. אָ." אַפּאַראַט, וואָס פירט לעצטנס אָן מיט די לאַגערן, סיי דורכן „דזשאָינט".

דער אַרום און דער באָדן אויף וועלכן מען טרעט, איז אָנגעזאַפּט און פאַרפעסטעט מיט יידיש בלוט און גאַליקן אַנטיסעמיטיזם, וואָס שרייט אַרויס פון יעדן דייטשס אויגן און וואָס וואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט, ווידער צו פּאָגראָמירן און פאַרניכטן. איז דער אַ וואונדער ווען די טויער פון דער „פדיילאַנד־ליגע" ווערן טאָג־טעגלעך פאַרמאַטערט ענטפערנדיק אויף די פראַגן, ווען עס וועט שוין אָפּגיין דער ערשטער טראַנספּאָרט קיין סורינאַם? ניין, הער ראָגאָף, אַן ענטפער אויף אַלע אייערע פראַגעס גיט אונדזער לעבן אַליין, אונדזער טרויעריקע נאַקעטע ווירקלעכקייט! עס האָט געקאָנט דורכפאַלן דער סאַן־דאָמינגאָ פּרואוו, נאָר דערפאַר ווייל אַהין זיינען ניט געקומען מענטשן פון די־פּי לאַגערן, נאָר וואָרשיינלעך אַ גאָר אַנדערער עלעמענט. די, וואָס זיינען גרייט און וואָס וועלן קומען קיין סורינאַם, וועלן זיין גליקלעך צו באַפרייען זייערע נערוון פון דעם לאַגער־קאָשמאַר און פון די „ציוויליזירטע" לענדער, און זיי וועלן קאָנען אָנהייבן בויען אַ געזונטן קיבוץ, צווישן די „פּרימיטיווע און האַלב ציווי־

ליזירטע", וואָס זיינען נאָך פריי פון דעם אַנטיסעמיטיזם־גיפט און פון דער פאַרפעסטעטער לופט, פון די־אָ ציוויליזירטע לענדער „וואו סע איז שוין פאַראַן אַ יידישער ישוב". דער סאַן־דאָמינגאָ פּראָיעקט האָט געקאָנט דורכפאַלן. יענע יידן האָבן אפשר ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך צופּאַסן און וווינען אין אַ האַלב־ווילד לאַנד צווישן אַ צוריקגעשטאַנענער באַפעלקערונג מיט אַ נידעריקעד קולטור. זיי האָבן געהאַט אַ ברירה אויסצוקלייבן פון אַנדערע אַ סך בעסערע לענדער, וואו זיי האָבן זיך לייכטער געקאָנט איינאָרדענען און לעבן. די־אָ „היימלאָזע" וואָס וועלן קומען קיין סורינאַם וועלן זיך אָבער מוזן צופּאַסן, דערפאַר ווייל זיי וועלן ניט האָבן די מעגלעכקייטן פון אויסוואַל ווי עס האָבן געהאַט די סאַן־דאָמינגער יידן. און אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון נעגל פון טיוט, אַרבעטנדיק אין די שקלאַפישע נאַצי־לאַגערן און סיבירער טייגעס ווייסן וואָס עס באַדייט „שווערע אַרבעט" און אויסצורייניקן דזשאָנגלעס. דאָס זיינען פּיאָנערן, פאַרהאַרטעוועטע און געפורעמטע צו לעבן, פון בייזן פינצטערן „נעכטן" און פון פיינלעכן „היינט". זיי, די „היימלאָזע", גייען און וועלן קומען אין סורינאַם, און וועלן דערווייזן דאָס, וואָס עס זיינען ניט פעאיק צו זען „אייגעאָרדנטע מענטשן", וואָס דאָס לעבן און אונדזער גרויסע דורגעמאַכטע טראַגעדיע, האָט זיי קיין זאַך ניט באַוויזן אויסצולערנען.

י. קאַטשערגינסקי.

חבר י. קאַטשערגינסקי ענטפער דעם הער ראַגאָף אויף זיין „מיינונג פון אַ קעגנער פון סורינאַם־פּראָיעקט", איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט דער פולסטער הסכמה פון די חברים:

לאַגער־שטייער: מ. גאָטליב,
עבעלסבורג: א. הירש
וועגשווייד: ב. ליפשיץ
זאַלצבורג־בית־ביאַליק: מ. פינסקער.
האַליין: א. גרין
ד"ר פּראָבע
פר. קוויאַטקאָווסקא.

פון אַ די־פּי צו זיין פריינד אין קאַנאַדע

איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו פון 30־סטן אויגוסט, וועלכער האָט מיר געבראַכט פיל פרייד, אָבער נישט ווייניקער פאַרדרוס. מיין פרייד איז פון דעם וואָס איר זענט צופרידן, איר האָט זיך איינגעאָרדנט. מיין פאַרדרוס איז אין דעם: וואָס איר זייט אַזוי שטאַרק פּעסימיסטיש צו אונדזערע האָפענונגען — וועגן סורינאַם. אייגנטלעך איז עס פאַר מיר ניט געווען קיין סורפּריז, אַז קאַנאַדער יידן ווילן נישט געבן קיין געלט פאַר סורינאַם און גיבן אויסשליסעך פאַר ארץ ישראל. אַמעריקאַנער יידן טוען דאָס זעלבע, ווען ניט דאָס, וואָלטן מיר דאָך שוין לאַנג דאָרט געווען. אין דעם שטעקט טאַקע דער ווייטאָג און פאַרדרוס: וואָס די יידישע וועלט איז פאַרבלענדט און „פאַרכלינעט" מיטן ציוניזם. מען גיט פולע זעק מיט געלט פאַרן לאַנד וואָס איז אַ ריכטיקער „פּולווער־פאַס"; אָבער דאָרטן וואו מען קאָן ווירקלעך שאַפן אַ שטיקל ווינקעלע אויף גאָטס־ערד, פאַר דעם איז קיין גראָשן ניטאָ. עס איז איינער פון די גרעסטע פעלערן, וועלכער דער ציוניזם איז באַגאַנגען מיט 40 יאָר צוריק מיטן אוגאַנדא־פּלאַן און איצטער ווערט ער איבערגעחזרט מיט סורינאַם. מען גיט זיך ניט אָפּ קיין דין וחשבון אַז מען גייט אַריינפירן די קו צוריק אין דעם ברענענדיקן שטאַל... איך ווייס ניט און וויל זיך ניט אָפּגעבן מיט נביאות: גאַנץ מעגלעך אַז פון סורינאַם־פּראָיעקט זאָל גאָר ניט אַרויסקומען; צופיל שווערע מיליאָנען ווערן אויסגעגעבן פון סוכנות אין ישראל. ווען ס'וואָלט אָנגענומען געוואָרן הערצלס פאָרשלאַג וועגן אוגאַנדא, וואָלטן מיר ניט געהאַט קיין 6 מיליאָן קרבנות, און ווער ווייסט וויפיל מיליאָנען קרבנות מיר וואָלטן זיך געקענט איינשפּאָרן אין דער צוקונפט, ווען דער סורינאַם־פּראָיעקט וואָלט שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן. איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, טייערע

פריינד אז מיר שטייען פאר א דריטן קריג. — און ווער ווייסט וואס פאר א סורפריזן די געשיכטע קען אונדז נאך אויפשפילן? לעבן מיר דען ניט אין שטילקייט וועלכע קומט פאר א שטורם? דערגייען דען ניט צו אונדז ידיעות וועגן אנטיסעמיטישע עקסצעסן אין מאנטרעאל און אנדערע שטעט פון קאנאדע, ווי אויך אין עדר פרייער דעמאקראַ־טישער אמעריקע — שוין אפגערעדט פון ארגענטינע?

אבער, ווי מען זאגט: עולם־גולם. איינער קוקט אויפן צווייטן, מען לויפט קיין קאנאדע און מען איז גליקלעך אז עס געלינגט „אונ־טערצושמירן" וואו מען דארף, בכדי צו ווערן א שקלאף אין די קאנא־דער פאבריקן און וועלדער. די בהלה מיט קאנאדע וועלכע איז דא לעצטנס אנטשטאנען, איז זיכער א בארעכטיקטע: ווער וויל דען לענ־גער זיך מאטערן אין לאגער־גיהנום? האבן מיר דען א רעכט עמיצן צו פארהאלטן? ניין, גאנץ באשטימט ניט. צווישן די הונדערטער פון אונדזערע חברים וועלכע גייען אפפארן קיין קאנאדע, וועלן זיכער אין דער נאענסטער צייט צוקומען נאך מער מענטשן. איך פון מיין זייט וועל זיכער ניט פארמשפטן זייער האנדלונג. זיי האבן מער קיין כוח צו ווארטן אויף סורינאם. אויב עס גייט אבער וועגן מיך, טאר איך עס דעוויל ניט טאן, איך האב פאר דעם ניט קיין מאראלישע רעכט. איך מוז זיך שוין איבערמאטערן ביז אן ענטגילטיקן רעזולטאט, איך מוז זיין פון די לעצטע אויף דער זיך טרינקענדיקער שיף. און גלויבט מיר, טייערער פריינד, מיט וואס פאר א אייפערזיכט איך קוק זיך צו צו די „גליקלעכע" — „קאנאדייציקעס", ווי מען רופט זיי דא — וואלט איך דען ניט וועלן זיין צווישן זיי? אין לעצטן טראנספארט זיינע: אפגעפארן עטלעכע הונדערט פאמיליעס: שניידערס און קירזשנערס. צווישן זיי זענען אויך אפגעפארן מיין שוואגער און שוועגערין. איך האב זיך געזעגנט מיט זיי אין אסטען־לאגער און האב געזען זייערע גליקלעך צופרידענע פנימער, זייערע אויגן וואס גלאנצן פאר פרייד... און פארוואס דען זיי ניט מקנא זיין? זיי פארלאזן דאך די לאגערן... (איך שטעל מיר פאר, אז איר אליין האט עס אויך איבערגעלעבט). זיי וועלן מער ניט וויסן פון קיין „קאמיטעטן", „דזשאינט" און אירא־פרא־דוקטן... און פון א קרובס פעקל פון יענעם זייט ים... — אבער איך, קוקנדיק פון דער זייט, האב געזען זייערע מיטפארער: אוקראינער,

ליטווינער, יוגאָסלאַוון און אַנד. איך האָב געזען די אַנטיסעמיטישע־יידן־פֿרעסערישע אויגן... און דאָס איז פֿאַר מיר גענוג. וואָלט דען ניט געווען שענער, פּרעכטיקער, ווען די זעלבע שיינענדיקע יידישע פּנימער פֿאָרן אין אונדזער זעלבשטענדיקן טראַנספּאָרט נאָך סורינאַם??? מען פֿאָרט צווישן יידן, **מען** איז צווישן יידן און מען בויט אַ נייַ לעבן אין רואיקן שטילן סורינאַם — טאַקע נאָר צווישן יידן! קאָנען דען די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער יידן עס אָפּשאַצן? האָבן זיי דען וואָס אַזעלכעס אין זייער לעבן דורכגעלעבט, בכדי זיי זאָלן עס קאָנען אָפּשאַצן, פֿאַרשטיין אָדער מיטפֿילן? ווער־ווער, איר דאַרפֿט עס פֿאַרשטיין, איר קאָנט עס אָפּשאַצן און מיטפֿילן!

אומקערנדיק זיך צו אייער פֿאָרשלאָג: איך זאָל קומען קיין קאַנאַדע... האָט נישט קיין פֿאַריבל, עס איז אַביסל נאַאיוו פֿון אייער זייט. אמת, איך וואָלט זיכער צוניץ געקומען, אָבער איך מוז נאָך זיין אין לאַגער... ווען איך זאָל צו אייך קומען, וועט ניט זיין ווער עס זאָל דאָ „שטורמען" די אַמעריקאַנער זאַטע יידן. און וואָס מיר טוען איז דאָך אייך באַקאַנט: בריוו, ווענדונגען, קאָנפֿערענצן און אויפֿרופֿן. מיר דאָ זיינען געוואָרן „שותפֿים" צום גרויסן „געשעפֿט", פֿאַר דער פֿאַר־ווירקלעכונג פֿון טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק און אידעאַל. לייענט דעם לעצטן „אויפֿן שוועל" און איר וועט זיך באַקענען מיט אונדזערע אָנ־גענומענע רעזאָלוציעס און דעם אַריינפֿיר־אַרטיקל ווי מען שאַצט אונדז אָפּ. מיר מוזן דערפֿירן די זאַך ביזן סוף! שוואַכע גייען אַוועק, עס קו־מען צו נייַע קרעפֿטן, נייַע ענטוזיאַסטן. איך חזר איבער: מיר וועלן קומען קיין קאַנאַדע נאָר דאַן ווען מיר וועלן וויסן אויף זיכער, אַז מיר האָבן פֿאַרלאָרן אַלע האָפֿענונגען אויף סורינאַם (חס וחלילה)

מיר אַלע שטאַרבן דאָ דריי מאָל אַ טאָג פֿאַר הונגער. דער „דזשאָ־ינט" גיט מער נישט קיין פּראָדוקטן פֿאַר נישט אַרבעטנדיקע און פֿון דער „איראָ" וואָס מיר באַקומען, ווייסט איר דאָך אַליין. איך האָב דאָך אַ פֿאַרגעפֿיל אַז מיר מוזן זיך ווען טרעפֿן, וועט עס זיין אין קאַנאַדע אָדער אין סורינאַם? איך בין פֿעסט איבערצייגט אַז די נאָענטסטע צייט וועט אויף דעם געבן אַ קלאָרן ענטפֿער. זייט געזונט און נעמט צו מיינע בעסטע וואונטשן און דאַנקען פֿאַר אייער באמת דאַרציקן בריוו, אייער אומפֿאַרגעסלעכער פֿריינד —

אַ ווײ־געשרײ פון די די־פּי לאַגערן!

ברידער ייִדן!

אומברחמנותדיק האָלט מען ביים אַריינשטעקן אַ מעסער אין רוקן פון דער שארית הפליטה. אַן אומגעזעענע מערדערישע האַנט מישט זיך אַריין און האַלט ביים צעשטערן אַ מעגלעכקייט פון רעטונג פאַר טויזנטער, אַן איינציקע האָפענונג פון טויזנטער: סורינאַם.

ברידער! העכער דריי טויזנט מיטגלידער פון דער פּליטים־ברייזלאַנד־ליגע אין עסטרייך, פון די לאַגערן פון וויען (אַרצבערגער־לאַגער, און ראָטשילדס שפּיטאָל לאַגער), זאַלצבורג (בית־ביאַליק, רידענבורג, האַליין און זאַאַלפעלדן), און לינץ עבעלסבערג, וועגשייד, און שטייער), רופן צו אייך...

ווי אַזוי קענט איר, אַמעריקאַנער ייִדן, דערלאָזן אַז נאָך היינט זאָל חלילה געשען אַזאַ רציחה?! היינט, נאָכן שרעקלעכן חורבן! האָט אייך די טראַגיק פון ייִדישן גורל נאָך גאָרנישט באַוויזן? איז פאַר אייך נאָך ווייניק דער ים פון טרערן און בלוט? די גהינום־ליידן וואָס דאָס אייראָפּעאישע ייִדנטום האָט מיטגעמאַכט אין אויסשוויץ און בירקענאַו, טראַנסניסטריע און לובלין?

הערט איר ניט דעם יאָמערלעכן געשריי פון די הונדערטער טויזנטער פאַרבליבענע אין רומעניע, אונגאַרן, פּוילן און טשעכאָסלאָ־וואַקיע? ווייסט איר ניט אַז ביי דער ערשטער איבערקערעניש וועט קיין איין ייִד זיך ניט קאָנען דערראַטעווען פון דער נקמה פון דער צערייצ־טע און פאַרביטערטע מאַסן? און אַז דאָס גוטס און דאָס לעבן פון

כמעט א מיליאָן יידן אין די מאַכמעדאַנישע לענדער הענגט ממש אויף א האָר?

פאַרשטייט איר נישט אַז צעפּוילטקייט פּרעסט בהדרגה אויף אונדזער לעבן, און א ווייטערדיק פאַרבלייבן אין די לאַגערן, און אין אייראָפּע בכלל, באַדייט די טאָטאַלע מאָראַלישע ירידה פון דער שאַרית הפליטה? צי איז ביי אייך אָפּגעשטאָרבן יעדעס געפיל פון סאָלידאַרישקייט און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַלץ פאַרלאָרן, מענטשן וואָס דאַרפן גאַרנישט א חוץ א רואיקן ווינקל אויף אויסצוהיילן די בלוטיקע וואונדן? וואו איז קאָלעקטיוו אחריות געפיל? וואו איז אייער יידיש האַרץ?

האָט איר אייך אָפּגעגעבן א חשבון אויף וואָס איר האָט אונדז פאַרמשפּט דורך אייער גלייכגילטיקער פּאַסיווקייט. אויף וואָס איר האָט אויסגעשטעלט טויזנטער פון אייערע ברידער אויב מען זאָל אויסלעשן זייער לעצטע האָפענונג צו געפינען א מקום־מקלט און זיך איינאָרדענען אין א אייגענער, רואיקער היים?

צי הערט איר נישט דעם מיליטערישן טראָט פון צענדליקער חיילות באַלד גרייטע צו א נייער שלאַכט? צי פילט איר נישט די שנאה — דער אָנזאָג פון א נייער וועלט־שחיטה?!

וואָס פאַר א מעגלעכקייט פון רעטונג האָט איר פאַר דעם מיליאָן פאַרבליבענע יידן אין אייראָפּע? און ווי אַזוי קענט איר דערלאָזן מען זאָל אונדז מקריב זיין, אַבי צו דערווייזן אַז עס איז פאַראַן בלויז איין איינציקער אויסוועג אין ארץ ישראל? צוליב אידעאָלאָגישע דעמאָנסטראַציעס שפּילט איר זיך מיט יידישע לעבנס?

ברידער אונדזערע! ניכטערט אייך אויס פון דעם שיכרות וואָס שוואַכט אָפּ אייער פליכט באַוואוסטזיין לגבי דער שארית הפליטה! קוקט אייך צו ווי צענדליקער און הונדערטער טויזנטער וואָס געפינען זיך אויפן סאַמע קראַטער פון אייראָפּעאישן ווולקאַן שטרעקן אויס פאַרצווייפלטע די הענט נאָך רעטונג... און איר, צי וועט איר דערלאָזן אַז מיליאָנען דאָלאַרן זאָלן פאַרניצט ווערן אויף אַלץ אין דער וועלט, בעת אויף צו ראַטעווען, אויף צו קאָלאָניזירן אונדז אין סורינאַם „איז נישטאָ קיין מיטלען". ווי פאַרציט זיך ניט דאָס האַרץ פאַר ווייטיק און בושה!

צו אייך, אונדזער יידישער פאָלקס אינטעליגענץ — לערערס, שרייבערס, וויסנשאפטלער און קולטור־טוער, — צו אייך אַפּעלירן מיר מער ניט! פאר אייער פארלייגן די הענט קלאָגן מיר אייך אָן! איר, באַגלייך מיט אונדזערע פּאָליטישע פירערס און כלל טוערס, וועט ווערן אָוועקגעזעצט אויף דער באשולדיקונגס־באנק פאר אייער גלייכגילטיקער האַלטונג לגבי דעם גורל פון יידן און יידישקייט! איר האָט פארמאכט אייערע אויגן און פארשטאָפּט אייערע אויערן אויף ניט צו זען אונדזערע ליידן און ניט צו הערן אונדזער וויי געשריי!

און איר גלייכגילטיקע מיטארבעטער פון „פאָרווערטס", „מאָרגן־זשורנאל", „טאָג", „צוקונפט" און פון כמעט דער גאנצער יידישער פרעסע אין אמעריקע! טראָגט איר דען ניט א גאָר גרויסן טייל שולד פאר נישט אויפהייבן אייער שטים פאר אריינלאָזן יידן אין די פאר־אייניקטע שטאטן און אין סורינאם? ווייסט: דער פסק דין פון די קומענדיקער דורות וועט אייך ניט אויסמיידן! און געדענקט: די געשיכטע האָט אונדז געלערנט — זי חזרט זיך איבער. מיט פערציק יאָר צוריק האָט מען דורכגעלאָזן א היסטאָרישן שאנס — אוגאנדע, — פאר וועלכע הערצל, נאָרדו, זאנגוויל האָבן אין זייער צייט אזוי ליידנשאפטלעך געקעמפט. היינט וויל מען דעם סורינאם פּראָיעקט טאָר־פּעדירן. דער פסק דין פון דער געשיכטע איז געווען א גרויזאמער — מיט מיליאָנען קרבנות האָט אונדזער פאָלק באצאָלט פאר דעם שווערן חטא און טעות פון שמאָל קעפּיקע פאנאטיקער.

פון דער מאָראלישער פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער איצטי־קער זעלבסט־מערדערישער קאָנספּיראציע קעגן אונדז וועט זיך קיינער פון די שולדיקע נישט אַרויסדרייען. ווייל זיי, די אומגעקומענע און מיר, די דערוווייל נאָך לעבעדיקע שארית־הפליטה, וועלן קומען צוגיין, אויף משפט און שטראָף.

מיר האָבן אונדזערס געטאָן: זיך געבעטן גערופן, און געוואָרנט! אונדזער קול איז אָבער געבליבן א „קול קורא במדבר".

פארביטערטע, אין לאגערן פארשפּארטע וואַרטן מיר...

פאר דער פּליטים־פּריילאנד־ליגע אין עסטרייך

י. קאַטשערגינסקי, גענ. סעקר.,

די. פּי. לאגער עבלסבערג ביי לינץ,

רעזאָלוציעס, אָנגענומען אויף דער צווייטער פריי־לאַנד־לאַנד־קאָנפערענץ

מ. שעכטער, עקזעק. סעקר.,
די. פּי. לאַגער ארצבערגער ווין 17.
דעם 25־טן סעפּטעמבער, 1948.

1. די צווייטע פריילאַנד־לאַנד־קאָנפערענץ האָט אויסגעהערט מיט טיפן פאַרדרוס דעם פּאָליטישן באַריכט פון דער עקזעקוטיווע אַז די סורינאַם שטאַט האָבן אָפּגעלייגט די ווייטערדיקע פאַרהאַנדלונגען מיט דער פריילאַנד־ליגע, נאָכדעם ווי זי האָט אַריינגעלייגט אַ געוואַלדיקן סכום ענערגיע און געלט־מיטלען אין דער אַרבעט, און נאָכדעם ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון דעם סאַראַמאַקע־דיסטריקט אין סורינאַם. דער פאַרדרוס איז נאָך טיפער דערפאַר, וואָס אומצייליקע טויזנטער פון די יידישע פּליטים וואַרטן אומגעדולדיק אויפן אָנהייב פון דער קאָלאָניזאַציע אין סורינאַם.

2. די קאָנפערענץ באַשטעטיקט די שריט וואָס די עקזעקוטיווע האָט אָנגענומען פאַרטצוזעצן די פאַרהאַנדלונגען מיט סורינאַם און האָלאַנד. די קאָנפערענץ באַשטימט אויפצופאָדערן די נייע עקזעקוטיווע אָנצונעמען אַלע מיטלען צו פירן אינטענסיווע פאַרהאַנדלונגען מיט האָלאַנד און סורינאַם — אָפּשלאָגנדיק דערביי אַלע אַטאַקעס און מסירות וואָס ווערן געמאַכט קעגן דער פריילאַנד־באַוועגונג אין שייכות מיטן סורינאַם פּראָיעקט — אויסנוצנדיק גלייכצייטיק אַלע מעגלעכע דיפּלאָמאַטישע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פאַרבינדונגען אַז דער אָפּמאַך זאָל דורכגעפירט ווערן.

3. די קאָנפערענץ שאַצט אָפּ מיט גרויס באַפרידיקונג די היס־

טאָרישע באַדייטונג פון דער גרינדונג פון מדינת ישראל וואָס דורך דעם איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן דאָס רעכט פון יידישן פאָלק אויף אַ זעלבשטענדיק פאָליטישער עקזיסטענץ און דערמיט איז גע־געבן געוואָרן אַ טייל פון אונדזער פאָלק די מעגלעכקייט צו פירן אַן אומאָפּהענגיק־נאַציאָנאַל לעבן. גלייכצייטיק מוזן מיר אונטערשטרייכן אַז מדינת ישראל לייזט נישט דאָס פּראָבלעם פון יידישער היימלאָזי־קייט. סיי צוליב דער באַגרענעצטקייט פון שטח, סיי צוליב דער פיינד־לעכער אַראַבישער און מוסולמענישער וועלט, טאָרן מיר נישט שטעלן די גאַנצע יידישע צוקונפט בלויז אויף מדינת ישראל.

אין דער זעלבער צייט שטעלט די קאָנפערענץ פעסט אַז דורך איינפירן העברעאיש ווי די איינציקע אָפיציעלע שפּראַך פון ישוב און צוליב איר נעגאַטיווער באַציונג צו יידיש און דער יידיש־קולטור האָט מדינת ישראל אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן די יידן פון ישראל און די יידן פון חוץ לארץ, וואָס רעדן יידיש און לעבן זיך אויס גייסטיק אין דער קולטור אויף יידיש.

4. די קאָנפערענץ דריקט אויס איר צאָרן קעגן געוויסע ציור־ניסטישע עלעמענטן וועלכע האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט, — אין דער קריטישער צייט פאַר אונדזער היימלאָזע ברידער, — צו מסירות, און ליגנס כדי צו צעשטערן די האָפענונגען פון טויזנטער ברידער אונ־דזערע אויף אַ פרידלעכן לעבן אין סורינאַם.

5. די קאָנפערענץ דריקט אויס איר צופרידנקייט מיט דער אָפּ־געטוענער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט פון פרייַלאַנד־אָפיס, וועלכער האָט מיט עטלעכע געציילטע מענטשן באַוויזן אויפצובויען אַן אָנהייב פון אַ פרייַלאַנד־וועלט־אָרגאַניזאַציע. די קאָנפערענץ באַשטימט אַז די נייַ־דערוויילטע עקזעקוטיווע זאָל פאַרשטאַרקן די טעריטאָריאַליס־טישע באַוועגונג אין די אַמעריקע און אויך אין אַנדערע וועלט־טיילן.

6. די קאָנפערענץ שיקט אירע ברודערלעכע גרוסן צו אונ־דזערע ברידער אין די לאַגערן, ספּעציעל צו דער פרייַלאַנד־פּליטים־ליגע אין עסטרייך. מיר אין אַמעריקע ווען נישט רוען, נאָר טאָן אַלץ אין דער וועלט, צו שאַפן אַ פרייען, רואיקן מקום מקלט פאַר די די־פּי׳ס און אויך פאַר אונדזערע ברידער וואָס מוזן פאַרלאָזן זייערע ווין־לענדער אין אייראָפּע.